בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ

סֵפֶר

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

בְּרִיוְון פון חִיזוּק, אֱמוּנָה
און פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן,
גֶעשְׁרִיבְּן דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת
תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

אִידִישׁ

פַּרְשַׁת שְׁלַח

תשפ"ד

351

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
**וויליאמסבורג**
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
**בארא פארק**
**1415 55th Street**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
**קרית יואל**
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
**בלומינגראוו**
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
**מאנסי**
**34 Union Rd,**
Spring Valley, NY 10977
**845.445.9314**

היכל הקודש
**ירושלים**
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
**בני ברק**
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**


נדפס ע"י
**קרן הדפסה היכל הקודש**
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

עריכה, הגהה והוצאה לאור ע"י
**מכון עצתו אמונה**
maebreslev@gmail.com


צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

קול ברסלב
**212.444.9191**

חיזוק פאר די אידישע שטוב
**212.444.9169**

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס אִיז אִינֶערְלִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן?......................א

פַאֲרוָואס אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען שַׁארְף קֶעגְן דָאקְטוֹירִים?.........................ג

וָואס אִיז מַיין זוּן נֶעבֶּעךְ שׁוּלְדִיג אוֹיף מַיינֶע נֶערְוֶוען?.........................ד

בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, מוּז מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיטְן מוֹיל?..................ה

וָואס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ שְׁוֶוערִיקֵייטְן צוּ זֶען מַיין קִינְד?......................ז

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר צֶען זַאכְן..........................א

נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה.............................................ב

קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַייךְ..........................ב

שְׁוֶוערִיקֵייטְן פַאר שִׂמְחוֹת, נִישְׁט פוּן צָרוֹת...........................................ג

חַסְדֵי הַשֵּׁם עֶס אִיז דָא אַ לִיכְטִיגֶע ווִינְקְל אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ.......................ד

אַ קִינְד אִיז זִיךְ מִתְחַצֵּף, זָאל מֶען אִים קַנְסְ'עֶנֶען מִיטְן טְרִיפּ?.................ה

אֶפְשָׁר אִיז דָאס קִינְד פַאְרְטוֹישְׁט גֶעוָוארְן?...............................................ו

דִי גִלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע מַהְפֵּכָה.......................................ז

רֶעד נִישְׁט צוּ מֶענְטְשְׁן צוּ קוּמֶען וואוֹינֶען אִין לִיבֶּערְטִי..........................ז

זַיי נִישְׁט עֶקְסְטְרֶעם, נִישְׁט רֶעכְט אוּן נִישְׁט לִינְק, בִּפְרַט בַּיי חִינוּךְ ..........ט

זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען עֶר זָאל נִישְׁט וַוייזְן קַיין וִוידִיאוֹס פַארְן קִינְד......................י

ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין?.........י

אַז מֶען הָאט וֵוייטָאג, דַארְף דָאס וֶוערְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט..........................יד
נֶעבֶּעךְ פַּאר דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס מֵיינֶען אַז דָאס אִיז צְנִיעוּת...............יד
דֶער גְרֶעסְטֶער טֶערָאפִּיסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט.......................................... טו
דִי קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְט אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן אִין דִי קְהִילָה................ טז
תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אִיז אוֹיךְ שַׁיָּיךְ פַּאר פְרוֹיעֶן...........................................יז
אַפָּאר נְקוּדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועְן דֶעם שָׁבוּעוֹת...................יח
פוּן דִי וֶוערְטְלֶעךְ אַרוּם דִי זַאךְ, זֶעט מֶען דֶעם אֱמֶת...............................כא
אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ.......................................כה

# עֲצָתוֹ אֱמוּנָה

**וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס אִיז אִינֶערְלִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן ?**

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וֶועגְן מַיין צֶען יֶערִיג אִינְגֶל; עֶר לַיידְט פוּן אִינֶערְלִיכֶע אָנְגֶעצוֹיגְנְקֵייט, עֶר וֶוערְט זֵייעֶר שְׁנֶעל אוֹיפְגֶערֶעגְט, אוּן זַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער לַיידְן אַסַאךְ מָאל פוּן דֶעם.

עֶר אִיז בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַ לִיכְטִיג קִינְד, מִיר הָאבְּן אָבֶּער גֶעהַאט אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר שְׁפֶּעט אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא, אוּן עֶס קֶען נָאךְ יֶעצְט פַּאסִירְן זַאכְן, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען גֵייט צוּ אַ שִׂמְחָה אָדֶער אַ פְּלַאץ וָואס אִיז אִים זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט מִיטְצוּהַאלְטְן, שׁוֹין אָפְּגֶערֶעדְט פוּן בַּיינַאכְט אַז עֶר זָאל זִיךְ אוֹיפְוֶועקְן צוּ גֵיין וֶוען עֶר דַארְף. נֶעכְטְן אִיז מַיין וַוייבּ גֶעוֶועןן מִיט אִים בַּיים דָאקְטֶער פַאר אַ יֶערְלִיכֶע אוּנְטֶערְזוּכוּנְג אוּן דֶער דָאקְטֶער זָאגְט אַז מֶען זָאל אִים טְרָאגְן צוּ אַ פְּסִיכָאלָאג.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְּרֶעגְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט אַז מִיר זָאלְן טוּן.

פוּן וֶוען עֶר אִיז יוּנְג - שְׁרֵייעֶן מִיר זֵייעֶר אַסַאךְ אוֹיף אִים, וַוייל עֶר אִיז אַ קִינְד וָואס נֶעמְט זֵייעֶר שְׁנֶעל אַרוֹיס פוּן דִי כֵּלִים. אִיךְ פְלֶעג אִים זֵייעֶר אַסַאךְ קְרִיטִיקִירְן, אָבֶּער יֶעצְט אִיז שׁוֹין בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַסַאךְ אַסַאךְ בֶּעסֶער. עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ הַאלְטְן רוּאִיג, סְפֶּעצִיעֶל מִיט דֶעם קִינְד. בָּרוּךְ הַשֵּׁם עֶס אִיז אַסַאךְ בֶּעסֶער פוּן אַמָאל, אָבֶּער עֶס אִיז נָאכְאַלְץ וַוייט פוּן וִוי אַזוֹי עֶס דַארְף זַיין.

פַאר מִיר אַלֵיין טוּט זֵייעֶר שְׁטַארְק וֵוי יֶעדֶעס מָאל וָואס אִיךְ גֶעב אַ שְׁרֵיי אוֹיף אִים, אַסַאךְ מָאל שְׁפִּיר אִיךְ מַמָּשׁ ווִי אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט דוּרְכְטְרָאגְן אַז אִיךְ הָאב גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אִים. זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל פִּיל אִיךְ ווִי אִיךְ ווִיל אִים מַמָּשׁ אָנְפְּרַאסְקֶענֶען, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז דָאס גֶעשֶׁעט נִישְׁט.

פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען עֶר אָבֶער אוֹיךְ זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל אַהֵיימְקוּמֶען זֵייעֶר רוּאִיג, עֶר פִירְט זִיךְ אוֹיף מַמָּשׁ ווִי דִי וואוֹילְסְטֶע אִינְגְל, עֶר הָאט זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל זַיין קָאפּ אוֹיפְן פְּלַאץ אוּן עֶר קֶען זֵייעֶר שֵׁיין אַרוֹיסְהֶעלְפְן אִינְדֶערְהֵיים.

אִיךְ הָאף אַז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען הֶעלְפְן מִיט דֶעם. אִיךְ וָואלְט זֵייעֶר גֶעוָואלְט צוּרִיק בַּאקוּמֶען אַן עֶנְטְפֶער וָואס שְׁנֶעלֶער.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א טוּט פַאר מִיר.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ו אִיָּר, מ"א לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד

לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאב עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ שְׁרַייבְּסְט אַלֵיין דֶעם עֶנְטְפֶער, וַוייל פוּן שְׁרֵייעֶן אוּן דֶערְנִידֶערְן אַ קִינְד - דוּרְכְדֶעם וֶוערְט דָאס קִינְד אִינֶערְלִיךְ אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נִישְׁט זִיכֶער מִיט זִיךְ, אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ גוֹרֵם דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וְכוּ' וְכוּ'. אַזוֹי ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת כַּעַס, סִימָן כד): "עַל יְדֵי כַּעַס מוֹלִיד בָּנִים שׁוֹטִים", דוּרְךְ כַּעַס גֶעבּוֹירְט מֶען קִינְדֶער שׁוֹטִים; וַוייל דָאס שְׁרֵייעֶן אוּן דָאס דֶערְנִידֶערְן - לָאזְט זֵיי נִישְׁט וֶוערְן אַנְטְווִיקֶלְט וְכוּ' וְכוּ'.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן אַסַאךְ כָּבוֹד, אִים אוֹיפְבּוֹיעֶן; זָאגְן: "בִּיסְט אַזוֹי גוּט", "בִּיסְט אַזוֹי גֶעשִׁיקְט", "בִּיסְט אַזוֹי גֶעלוּנְגֶען", אוּן וֶוען עֶר טוּט זַאכְן שְׁטַייט אוּן דוּ ווִילְסְט שְׁרֵייעֶן, זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְלוֹיבְּן; זָאג אִים: "ווִי גוּט בִּיסְטוּ", "ווִי שְׁנֶעל טוּסְטוּ". דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן רב): "כָּל מִי שֶׁשִּׂכְלוֹ קָטָן בְּיוֹתֵר, צָרִיךְ לַחֲלֹק לוֹ כָּבוֹד בְּיוֹתֵר", ווִי ווֵיינִיגֶער שֵׂכֶל מֶען הָאט - דַארְף מֶען מֶער כָּבוֹד, "כִּי כָּל מַה שֶּׁשִּׂכְלוֹ יוֹתֵר

קָטָן, הוּא יוֹתֵר חָפֵץ בְּכָבוֹד", וַוייל די וָואס הָאבְּן וֵויינִיג שֵׂכֶל - דַארְפְן מֶער כָּבוֹד; דָאס אִיז די וֶועג פון קְלִיגֶע עֶלְטֶערְן, שְׁטֶענְדִיג אוֹיסְלוֹיבְּן די קִינְדֶער.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זָאלְסְט מְקַבֵּל זַיין די שֵׂכֶל פוּן צַדִּיק וָואס לֶערְנְט אוּנְז ווי זִיךְ אוּמְגֵיין מִיט די קִינְדֶער, רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף די קִינְדֶער; וַוייל נָאר אַז מֶען הָאט שֵׂכֶל פוּן צַדִּיקִים הָאט מֶען רַחְמָנוּת אוֹיף די קִינְדֶער. אַזוֹי ווי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן צו): "מִי שֶׁאֵין לוֹ רַחֲמָנוּת עַל בָּנָיו", וֶוער עֶס הָאט נִישְׁט רַחְמָנוּת אוֹיף זַיינֶע קִינְדֶער, "בְּיָדוּעַ שֶׁאֵין לוֹ חֵלֶק בְּשֵׂכֶל דִּקְדֻשָּׁה", אִיז אַ סִימָן אַז עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל; וַוייל מֶען טָאר נִישְׁט קְלַאפְּן קִינְדֶער, מֶען טָאר נִישְׁט דֶערְנִידֶערְן קִינְדֶער, אוּן אַז קִינְדֶער נֶעמֶען אַרוֹיס פוּן די כֵּלִים - דַארְף מֶען זֵיי מְחַנֵּךְ זַיין מִיט סַבְלָנוּת אוּן מִיט זִיכֶערְקֵייט, נִישְׁט מִיט גֶעשְׁרֵיי אוּן מִיט דֶערְנִידֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## פַארְוָואס אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶועזְן שַׁארְף קֶעגְן דָאקְטוֹירִים?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן בְּרִיוו, עֶס אִיז מִיר מַמָּשׁ מְחַיֶּ' די נְשָׁמָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֵיין וָואס אִיז פְּשַׁט פוּן דֶעם וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אִין די שִׂיחוֹת זֵייעֶר שַׁארְף קֶעגְן גֵיין צוּ דָאקְטוֹירִים, אוּן אוֹיבּ אִיז דָאס נָאךְ אַקְטוּעֶל אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוען די דָאקְטוֹירִים הָאבְּן אַסַאךְ נֵייעֶ טֶעכְנָאלָאגְיֶע?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע גֶעזָאגְט מֶען זָאל זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן גֵיין

צוּ דָאקְטוֹירִים, אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוֹיךְ גֶעזָאגְט: "אוֹיב גֵייט מֶען יָא צוּם דָאקְטֶער - זָאל מֶען גֵיין צוּם גְרֶעסְטְן דָאקְטֶער".

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט, דִי צְוֵייטֶע וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן זָאגְט פְּשַׁט אִין דִי עֶרְשְׁטֶע וֶוערְטֶער; דָאס וָואס דֶער רֶבִּי שְׁרַייט מֶען זָאל אַנְטְלוֹיפְן פוּן דָאקְטוֹירִים רֶעדְט עֶר פוּן דִי דָאקְטוֹירִים וָואס לֶערְנֶען זִיךְ, דָאקְטוֹירִים פוּן פַּארְצַייטְנְס וָואס הָאבְּן נִישְׁט גֶעוואוּסְט גָארְנִישְׁט, פוּן דִי דַארְף מֶען זִיךְ זַייעֶר הִיטְן, אָבֶּער פוּן גְרוֹיסֶע מוּמְחִים - צוּ זֵיי קֶען מֶען גֵיין. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן בְּפֵירוּשׁ: "וְרַפֹּא יְרַפֵּא" (שְׁמוֹת כא, כ), "מִכַּאן שֶׁנִּתְּנָה רְשׁוּת", דִי תּוֹרָה גֶעבְּט רְשׁוּת - "לָרוֹפֵא לְרַפְּאוֹת", צוּ גֵיין צוּם דָאקְטֶער (בְּרָכוֹת ס.).

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ אֵיידֶער מֶען גֵייט צוּם דָאקְטֶער, צוּ לֶערְנֶען דִי תּוֹרָה - לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ג', אוּן זָאגְן דִי תְּפִלָּה אוֹיף דֶעם פוּן לִיקוּטֵי תְּפִלּוֹת, וִוי רֶבִּי נָתָן בֶּעט זִיךְ דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וִוי קֶען מֶען גֵיין צוּם דָאקְטֶער וֶוען זֵיי אַלֵיין וֵוייסְן נִישְׁט וָואס צוּ טוּן אוּן זֵיי הַרְגְ'עֶנֶען אוּן רַצְחְ'נֶען מֶענְטְשְׁן רַחֲמָנָא לִצְלָן", אוֹיךְ גֶעבְּט מֶען פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ פַאר אַ צַדִיק וָואס קֶען מַאכְן אַ פִּדְיוֹן נֶפֶשׁ (מִיר גֶעבְּן אִין דִי פּוּשְׁקֶע צוּ דְרוּקְן דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים), אוּן מֶען אִיז מִתְפַּלֵל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען צוּם דָאקְטֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## וָואס אִיז מַיין זוּן נֶעבֶּעךְ שוּלְדִיג אוֹיף מַיינֶע נֶערְוֶוען?

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראֹשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער אַ שְׁוֶוערֶע תְּקוּפָה, וָואס הָאט שְׁוֶוער אוֹיסְגֶעקְלַאפְּט אוֹיף מִיר אוּן מַאכְט מִיר אַסַאךְ מָאל זַייעֶר אָנְגֶעצוֹיגְן אוּן נֶערְוֶועז, אוּן אִיךְ קֶען צוּמָאל מַמָּשׁ פְּלַאצְן אוֹיף מַיין זוּן. בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז אִיךְ גֶעב נִישְׁט קַיין מַכּוֹת, אָבֶּער אַ שְׁטַארְקֶע קְוֶועטְשׁ מִיט קוֹלוֹת אוּן גֶעשְׁרֵייעֶן בַּאקוּמְט עֶר יָא.

עֶס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵוי אַז אִיךְ טוּ עֶס, אִיךְ פִּיל אַז אִיךְ קֶען נִישְׁט זַיין קַיין טַאטֶע; וָואס אִיז מַיין זוּן נֶעבֶּעךְ שׁוּלְדִיג אוֹיף מַיינֶע נֶערְוֶועזְן? עֶר אִיז בֶּאֱמֶת אַ גוּט קִינְד, נִישְׁט אֵייבִּיג הָאט עֶר גֶעדוּלְד, אָבֶּער אִיז וִוי אַ נָארְמַאלֶע קִינְד, אַזוֹי וִוי אִיךְ אַלְס קִינְד.

מַיין גְרֶעסְטֶע וֵוייטָאג אִיז אַז מַיין זוּן אִיז דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס כַאפְּט פוּן מִיר וֶוען אִיךְ וֶוער נֶערְוֶועז.

וָואס אִיז דִי עֵצָה אוֹיף דֶעם?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיווּ.

עֶס אִיז כְּדַאי זָאלְסְט גֵיין צוּ אַ דָאקְטֶער נֶעמֶען עֶפֶּעס פַאר דִי נֶערְוֶוען - נִישְׁט צוּ שְׁרֵייעֶן אוּן שְׁלָאגְן דִי קִינְדֶער; וַוייל אַז מֶען שְׁרֵייט אוּן מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער - וַואקְסְן זֵיי אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט הַשֵׁם יִשְׁמְרֵינוּ. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת בָּנִים, סִימָן קז): "הַבָּנִים שׁוֹטִים", קִינְדֶער וַואקְסְן אוֹיף נִישְׁט גֶעזוּנְט, "כְּשֶׁאֲבִיהֶם כַּעֲסָן", וֶוען דֶער טַאטֶע אִיז אַ כַּעֲסָן.

שֶׁעם זִיךְ נִישְׁט צוּ נֶעמֶען מֶעדֶעצִין זִיךְ צוּ בַּארוּאִיגְן דִי נֶערְוֶוען, אַזוֹי וֶועלְן דַיינֶע קִינְדֶער זַיין גֶעזוּנְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### בַּיי הִתְבּוֹדְדוּת, מוּז מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיטְן מוֹיל?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן אוֹיבּ וֶוען מֶען מַאכְט הִתְבּוֹדְדוּת מוּז מֶען אַרוֹיסְזָאגְן דִי וֶוערְטֶער מִיטְן מוֹיל, אָדֶער אִיז גֶענוּג אַז מֶען טְרַאכְט עֶס מִיט מַחֲשָׁבָה?

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פָּרָשַׁת נָשֹׂא, ג' סִיוָן, מ"ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָּארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן הִתְבּוֹדְדוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן כה): "הִתְבּוֹדְדוּת הוּא מַעֲלָה עֶלְיוֹנָה וּגְדוֹלָה מִן הַכֹּל", הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ, עֶס אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע עֲבוֹדוֹת, "דְּהַיְנוּ לִקְבֹּעַ לוֹ עַל כָּל פָּנִים שָׁעָה אוֹ יוֹתֵר, לְהִתְבּוֹדֵד לְבַדּוֹ בְּאֵיזֶה חֶדֶר אוֹ בַּשָּׂדֶה", אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר גֵייט אִין אַ פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער אִיז נִישְׁט דָארְט, "וּלְפָרֵשׁ שִׂיחָתוֹ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ בִּטְעָנוֹת וַאֲמַתְלָאוֹת, בְּדִבְרֵי חֵן וְרִצּוּי וּפִיּוּס, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן מִלְּפָנָיו יִתְבָּרַךְ, שֶׁיְּקָרְבוֹ אֵלָיו לַעֲבוֹדָתוֹ בֶּאֱמֶת", זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ אוֹיסְגִיסְן דָאס הַארְץ, בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אִים מְקָרֵב זַיין צוּ אִים.

הִתְבּוֹדְדוּת אִיז נִישְׁט טְרַאכְטְן, הִתְבּוֹדְדוּת אִיז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי אַ זוּן רֶעדְט צוּ זַיין טַאטֶע אוּן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּ אַ גוּטֶער פְרֵיינְד, דָאס בְּרֶענְגְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אוּן דָאס הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט אוּנְז, אוּן מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט (פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תכג-תכד) דֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ שְׁפַּאצִיר מִיט רֶבִּי נָתָן, אַזוֹי שְׁפַּאצִירְנְדִיג הָאט דֶער רֶבִּי אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף רֶבִּי נָתָנ'ס אַקְסְל אוּן אִים גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער: "אוּן וַוייטֶער אִיז זֵייעֶר גוּט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי וִוי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד"; דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט אַנְטְפְּלֶעקְט דֶער זַאךְ פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁפְּרַאךְ וָואס עֶר אִיז צוּגֶעוואוֹינְט צוּ רֶעדְן, אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן אוּן גָארְנִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט: "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט זַיין הַאנְט אוֹיף מַיין אַקְסְל אוּן מִיר גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער 'אוּן

ווייטער איז זייער גוט אַז מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַזוֹי ווִי מֶען רֶעדְט זִיךְ אוֹיס פַאר אַ גוּטְן פְרֵיינְד׳ - הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶעשְׁפִּירְט אַז אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַ וֶועג צוּ מַצְלִיחַ צוּ זַיין אִין לֶעבְּן, ווַייל ווָאס עֶס זָאל נָאר נִישְׁט אַרִיבֶּערְגֵיין אוֹיף מִיר - וֶועל אִיךְ זִיךְ נִישְׁט פַארְלִירְן, נָאר גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים אַלֶעס דֶערְצֵיילְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווָאס טוּ אִיךְ אַז אִיךְ הָאבּ שְׁוֶועריקֵייטְן צוּ זֶען מַיין קִינְד?**

**שְׁאֵלָה:**

לִכְבוֹד דֶער ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אִיךְ בִּין אַ אִינְגֶערְמַאן ווָאס הָאט זִיךְ לֵיידֶער גֶע'גֶט, מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט אַ קִינְד, אוּן יֶעצְט הָאבּ אִיךְ שְׁוֶועריקֵייטְן צוּ קֶענֶען זֶען דָאס קִינְד. אִיךְ הָאבּ גֶעווָאלְט פְרֶעגְן פוּנֶעם ראש יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א ווָאס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן אִין אַזַא פַאל.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

רִיכְטִיג אִיז - צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר אִיךְ ווִיל זֶען מַיין קִינְד, אִיךְ ווִיל מִיט אִים רֶעדְן אַ ווָארְט וְכוּ׳ וְכוּ׳"**, אוּן אוֹיךְ זָאלְסְטוּ בֶּעטְן בַּיי דִי ווָאס הָאבְּן אַ ווָארְט אוֹיף דִי מַאמֶע - מֶען זָאל גֶעבְּן רְשׁוּת פַארְן טַאטְן צוּ זֶען דִי קִינְדֶער, אוּן אוֹיבּ מֶען מַאכְט זִיךְ נִישְׁט ווִיסְנְדִיג - זָאלְסְטוּ זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן וֶוער זֵייעֶר רַב אִיז, וֶוער קֶען זֵיי לֶערְנֶען אַז מֶען טָאר נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן עֶלְטֶערְן פוּן זֶען אוּן רֶעדְן מִיט דִי קִינְדֶער.

אוֹיבּ דָאס הֶעלְפְט אוֹיךְ נִישְׁט - זָאלְסְטוּ חַס וְשָׁלוֹם זִיךְ קְרִיגְן, ווַייל דָאס

לֵייגְט צוּגְרֵינְד דִי קִינְדֶער; קְרִיג זִיךְ נִישְׁט, דוּ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אוּן בֶּעט זֵיי אוֹיךְ מִיט שֵׁיינֶעם.

דִי מִשְׁפָּחוֹת וָואס נֶעמֶען אַוֶועק קִינְדֶער פוּן דִי עֶלְטֶערְן; זָאל עֶס זַיין טַאטֶעס אָדֶער מַאמֶעס - דִי זֶענֶען נִישְׁט גֶערֶעכְט, דִי וֶועלְן אָפְּגֶעבְּן דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוֹיף דִי צַעַר אוּן עַגְמַת נֶפֶש, עֶס וֶועט זַיין אַ חֶשְׁבּוֹן אוֹיף יֶעדֶע טְרֶער וָואס זֵיי זֶענֶען גוֹרֵם, וַוייל זָאל זַיין וָואס זָאל זַיין - אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג מֶען זָאל צוּרִיקְהַאלְטְן עֶלְטֶערְן פוּן זֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

# אִישׁ אֱמוּנוֹת

**דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר צֶען זַאכְן**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ח אִיָּר, מ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

זוּכְט אוֹיף צֶען זַאכְן וָואס עֶס אִיז אַייךְ גוּט, צֶען גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט מִיט אַייךְ; צוּם בֵּיישְׁפִּיל, אִיךְ זֶע, אִיךְ הֶער, אִיךְ הָאבּ פִּיס, הֶענְט וְכוּ׳ וְכוּ׳, אוּן דַאנְקְט אִים פַאר דִי צֶען זַאכְן: **״שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז אִיךְ זֶע, שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הֶער, שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ הָאבּ הֶענְט אוּן פִּיס וְכוּ׳ וְכוּ׳״**; אַז אִיר וֶועט דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר דִי צֶען זַאכְן, וֶועט אִיר בַּאקוּמֶען אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, אִיר וֶועט אָנְהוֹיבְּן אַרוֹיסְגֵיין פוּן אַייעֶר פַארְמַאכְטְקֵייט, אִיר וֶועט אַלֵיין זֶען אוּן אַלֵיין שְׁפִּירְן וָואס וֶועט פַּאסִירְן מִיט אַייךְ, אִיר וֶועט מֶער נִישְׁט דַארְפְן גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז דִי עֵצָה, אִיר וֶועט וֶוערְן נֵיי גֶעבּוֹירְן.

דָאס דַאנְקֶען אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז דִי עֵצָה צוּ שְׁפִּירְן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, פָּטוּר וֶוערְן פוּן דִי טוֹיטְקֵייט. אַזוֹי וִוי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים קטו, יז-יח): ״לֹא הַמֵּתִים יְהַלְלוּ קָהּ״, אַז מֶען דַאנְקְט נִישְׁט - שְׁפִּירְט מֶען טַעַם טוֹיט, ״וַאֲנַחְנוּ נְבָרֵךְ קָהּ״, אָבֶּער אַז מֶען דַאנְקְט אוּן מֶען לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הוֹיבְּט מֶען אָן צוּ לֶעבְּן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים, כ״ט נִיסָן, י״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ הָאבּ גְרוֹיס צַעַר פוּן דִי גַאנְצֶע פַּרְשָׁה, עֶס אִיז אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג צוּ זֶען וִוי אַזַא שֵׁיינֶע מִשְׁפָּחָה צֶעפַאלְט דוּרְךְ מַחֲלֹקֶת; אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן גֶעלֶעבְּט אַזוֹי שֵׁיין אַלֶע יָארְן, אוּן יֶעצְט וֶועגְן אַ מַחֲלֹקֶת צֶעפַאלְט אַלֶעס.

אִיר זָאלְט וַוייטֶער מְחַזֵק זַיין אַייעֶר מַאמֶע, אוּן זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט צוּ וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה. אוֹיךְ זָאלְט אִיר רֶעדְן מִיט אַייעֶר טַאטֶע, אוּן נִישְׁט וֶוערְן אַרַיינְגֶעדְרֵייט אִין דִי פַּרְשָׁה.

אִיךְ בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַייךְ אִיר זָאלְט הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן הַצְלָחָה, וּבִזְכוּת דִי מִצְוָה פוּן כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אוּן בִּזְכוּת שָׁלוֹם - זָאלְט אִיר הָאבְּן זֶרַע שֶׁל קַיָּימָא מִיט אַלֶעס גוּטְס.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### קוּקְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, וֶועלְן זֵיי נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַייךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ח אִיָּר, מ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

... תִּחְיֶ׳, תַּלְמִידָה בֵּית פֵּיגָא

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

דָאס וָואס אִיר שְׁרַייבְּט אַז מֶענֶער קוּקְן אוֹיף אַייךְ אוּן בָּחוּרִים קוּקְן אוֹיף אַייךְ, דָאס קוּמְט וַוייל אִיר קוּקְט אוֹיף זֵיי; וֶועט אִיר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף פְרֶעמְדֶע מֶענֶער אוּן פְרֶעמְדֶע בָּחוּרִים - וֶועלְן זֵיי נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַייךְ.

אַז אִיר זֶענְט אוֹיפְן וֶועג צוּ סְקוּל, אוֹיפְן בָּאס אָדֶער אוֹיפְן גַאס - זָאלְט אִיר נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קַיין פְּרֶעמְדֶער בָּחוּר אָדֶער מַאן, וֶועט קֵיינֶער נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַייךְ.

אַז אִיר גֵייט אִין גַאס אוּן אַ פְּרֶעמְדֶער גֶעבְּט אַייךְ אַ זָאג אַ וָוארְט - זָאלְט אִיר זִיךְ נִישְׁט וויסְנְדִיג מַאכְן; נִישְׁט אַוֶועק לוֹיפְן אוּן אוֹיךְ נִישְׁט זִיךְ אוֹיסְדְרֵייעֶן. גֵייט מִיט זִיכֶערֶע טְרִיט, גֵייט מִיט אֱמוּנָה, גֵייט מִיט שִׂמְחָה - וֶועט אִיר זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיךְ וֶועגְן דֶער שָׁכֵן דֶער בָּחוּר וְכוּ'; אוֹיב אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר קֶענְט מֶער נִישְׁט, דִי נִסָּיוֹן אִיז גָאר בִּיטֶער - זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ אַייעֶרֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי וֶועלְן אַייךְ הֶעלְפְן זִיךְ הִיטְן בִּיז אִיר טְרֶעפְט אַייעֶר שִׁידוּךְ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## שְׁוֶועריקֵייטְן פַאר שְׂמְחוֹת, נִישְׁט פוּן צָרוֹת

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ח אִיָּר, מ"ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

הַכַּלָּה ... תִּחְיֶ'

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט וָואס אִיר גֵייט אַרִיבֶּער יֶעצְט פַאר אַייעֶר חֲתוּנָה, וֶוען דִי גַאנְצֶע עוֹל פוּן צוּרִישְׁן דִי חֲתוּנָה לִיגְט אוֹיף אַייךְ אַלֵיין, אַייעֶר טַאטֶע הָאט אַייךְ גֶעזָאגְט אִיר זָאלְט אַלֶעס אַלֵיין אָנְגְרֵייטְן אוּן אִיר שְׁפִּירְט וִוי אִיר וֶוערְט צֶעדְרוּקְט וְכוּ'.

דַאנְקְט אוּן לוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי שְׁוֶועריקֵייטְן אִיז פַאר שְׂמְחוֹת נִישְׁט פוּן צָרוֹת; אִיר גֵייט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, אִיר גֵייט אוֹיסְלֵייזְן דִי שְׁכִינָה הַקְּדוֹשָׁה, דֶערְנֶענְטֶערְן דִי גְאוּלָה, אוּן פְרֵייט אַייךְ אַז אִיר קֶענְט הֶעלְפְן אַייעֶר טַאטֶע, אוּן אַז עֶס קוּמְט אָן שְׁוֶוער - זָאלְט אִיר גֵיין אִין אַ וִוינְקְל אוּן זִיךְ שְׁטִילֶערְהֵייט אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אִים בֶּעטְן אוֹיף כֹּחַ אוּן מֹחַ.

הַאלְטְס פַאר אַייעֶרע אוֹיגְן דִי וֶוערְטֶער: ״הֶעלְפְן אַ טַאטֶע אוּן מַאמֶע אִיז דִי הֵיילִיגְסְטֶע זַאךְ״.

בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע מִצְוָה וֶועט אִיר הָאבְּן עֶרְלִיכֶע גֶעזוּנְטֶע דוֹרוֹת.

...

## חַסְדֵי הַשֵּׁם עֶס אִיז דָא אַ לִיכְטִיגֶע ווִינְקְל אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ח אִיָּר, מ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ בִּיסְט אַרַיינְגֶעשְׁפְּרִינְגֶען אִין עֶפֶּענֶען אַ שׁוּל אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ פַאר תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ; מֶען וַוארְט שׁוֹין יָארְן אוֹיף דֶעם, דוּ בִּיסְט גֶעקוּמֶען אוּן גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע שְׁטוּפּ דֶעם וָואגְן, אוּן חַסְדֵי הַשֵּׁם עֶס אִיז דָא אַ לִיכְטִיגֶע ווִינְקְל אִין בֵּית שֶׁמֶשׁ, אַ בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ.

אִיךְ ווִיל דִיר זֵייעֶר בֶּעטְן, נֶעם נִישְׁט אַרָאפּ קַיין צַייט פוּן זַיין אִין שְׁטוּבּ מִיט דַיין וַוייבּ אוּן מִיט דִי קִינְדֶער; זַיין אִין שְׁטוּבּ רֶעדְן מִיט דִי וַוייבּ אוּן אִיר הֶעלְפְן - זָאל זַיין בַּיי דִיר חָשׁוּבְ׳עֶר ווִי זַיין אַן עַסְקָן, אַ גַבְּאַי וְכוּ׳ וְכוּ׳; נָאר אַנְשְׁטָאט דִי צַייטְן פוּן שְׁמוּעֶסְן מִיט חֲבֵרִים (וָואס מֶען רוּפְט אָן חֲבֵרִים, נִישְׁטָא קַיין חֲבֵרִים) - זָאלְסְטוּ טוּן פַארְן רֶבִּינְ׳ס שׁוּל אוּן פַאר הֲפָצָה.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט דַיין הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, אוּן גֶעבּ אַ גְרוּס פַאר אַלֶע חֲבֵרִים פוּן בֵּית שֶׁמֶשׁ, אִיךְ הָאף צוּ קוּמֶען צוּ עֶנְק, פֶּערְזֶענְלִיךְ זַיין מִיט עֶנְק אוּן זִיךְ שְׁטַארְקְן אִינְאֵיינֶעם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אַ קִינְד אִיז זִיךְ מִתְחַצֵּף, זָאל מֶען אִים קַנְס׳עֶנֶען מִיטְן טְרִיפּ?**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ד׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ח אִיָּיר, מ״ג לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד

לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד מַיין טֵייעֶרְער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ בִּין אַזוֹי פְרֵיילִיךְ אַז דוּ לֵייגְסְט אַרַיין אִין דַיינֶע תַּלְמִידִים, אִין דִי קִינְדֶער אִין חֵדֶר - יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן דוּ הָאסְט גֶעקֶענְט פּוֹעֵלְ׳ן בַּיי זֵיי אַז זֵיי זָאלְן שְׁלָאפְן מִיט אַ קַאפְּל אוּן צִיצִית, וֶוען זֵיי פְּלֶעגְן נִיטְאַמָאל שְׁלָאפְן מִיט נַאכְט קְלֵיידֶער, אוּן דוּ פְּרֶעדִיגְסְט אֱמוּנָה מִיט מִידוֹת טוֹבוֹת.

בְּנוֹגֵעַ דַיין פְּרַאגֶע אוֹיבּ אַ קִינְד אִיז זִיךְ מִתְחַצֵּף, אוֹיבּ מֶען זָאל אִים קַנְס׳עֶנֶען מִיטְן נִישְׁט מִיטְנֶעמֶען צוּם טְרִיפּ, צוּם שְׁפַּאצִיר; דוּ פְרֶעגְסְט וָואס אִיז רִיכְטִיג צוּ טוּן.

עֶנְדֶערְשׁ זָאלְסְטוּ אִים גֶעבְּן אַ בַּאזוּנְדֶערֶע קְנַס, אוּן יָא מִיטְנֶעמֶען יֶעדְן אֵיינֶעם וֶוען מֶען גֵייט אַ טְרִיפּ, אַ שְׁפַּאצִיר; וַוייל דָאס גֶעדֶענְקֶען דִי קִינְדֶער זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, אַז מֶען הָאט זֵיי נִישְׁט מִיטְגֶענוּמֶען וואוּ אַלֶע קִינְדֶער זֶענֶען גֶעגַאנְגֶען אוּן דָאס צֶעבְּרֶעכְט זֵיי, בִּבְחִינַת יָצָא שְׂכָרוֹ בְּהֶפְסֵדוֹ, מֶען הָאט מֶער שָׁאדְן; אַז אַ קִינְד אִיז זִיךְ מִתְחַצֵּף - גֶעבְּט מֶען אַ קְנַס, מֶען הֵייסְט אִים בְּלַייבְּן זִיצְן אִין כִּתָּה בַּיי הַפְסָקָה וְכוּ׳.

בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג פַאר אַלֶע קִינְדֶער; אוֹיךְ פַאר דִי וָואס פִירְן זִיךְ מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ אוּן אוֹיךְ פַאר דִי וָואס פִירְן זִיךְ בִּיז דֶערְוַוייל נָאכְנִישְׁט מִיט דֶרֶךְ אֶרֶץ, וַוייל תְּפִלָּה אִיז דִי שְׁטֶערְקְסְטֶע זַאךְ בַּיי חִינוּךְ; אַ רֶבִּי וָואס אִיז מִתְפַּלֵל פַאר דִי תַּלְמִידִים אִיז מַצְלִיחַ מִיט זֵיי, אוּן עֶלְטֶערְן וָואס זֶענֶען מִתְפַּלֵל פַאר דִי קִינְדֶער - זֶעעֶן נַחַת פוּן זֵיי.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**אֶפְשָׁר אִיז דָאס קִינְד פַּארְטוֹיִשְׁט גֶעוָוארְן?**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד**

**לִפְרָט קָטָן**

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

דָאס וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער מִיט דַיין וַוייבּ, זִי לַיידְט וְכוּ', יֶעדֶע נַאכְט פְּרֶעגְט זִי דִיר אוֹיף עֶנְקֶער קִינְד, אוֹיבּ דָאס קִינְד אִיז עֶנְקֶער קִינְד אָדֶער אִיז דָאס אַ קִינְד וָואס מֶען הָאט פַּארְטוֹיִשְׁט אִין שְׁפִּיטָאל, זִי וֵויינְט בְּכִיּוֹת נוֹרָאוֹת אוּן נָאכְן אִיר בַּארוּאִיגְן הוֹיבְּט זִי אָן נָאכְאַמָאל פְּרֶעגְן: "אֶפְשָׁר אִיז דָאס יָא פַּארְטוֹיִשְׁט?" דוּ פְּרֶעגְסְט וָואס דוּ קֶענְסְט טוּן.

אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶעהַאט אַזֶעלְכֶע מַעֲשִׂיּוֹת, פְּרוֹיעֶן וָואס הָאבְּן דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחֲשָׁבוֹת, אוֹיךְ פוּן אִינְגֶעלַייט וָואס זֶענֶען גֶעקוּמֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן אַז עֶפֶּעס הָאט פַּאסִירְט אִין שְׁטוּבּ, דִי וַוייבּ וֵויינְט אוּן זָאגְט "אֶפְשָׁר הָאט זִיךְ פַּארְטוֹיִשְׁט אַ קִינְד אִין שְׁפִּיטָאל?"

הָאסְט אֵיין עֵצָה, רֶעד צוּ אִיר אַסַאךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה אוּן פוּן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. בְּרֶענְג אִיר דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים (-וָואס פְּרוֹיעֶן קֶענֶען לֶערְנֶען; קוּנְטְרֵסִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, בִּפְרָט דֶעם סֵפֶר הַנִּפְלָא 'אוֹצַר הָאֱמוּנָה'), דָאס וֶועט אִיר אַוֶועק נֶעמֶען דִי מַחֲשָׁבוֹת רָעוֹת אוּן אִיר שְׁטַארְקְן בְּגוּף וָנֶפֶשׁ.

זַיי נִישְׁט צֶעבְּרָאכְן, וֶוער נִישְׁט צֶעפַאלְן, מִיט סַבְלָנוּת וֶועסְטוּ אָנְקוּמֶען גָאר וַוייט. זַיי נִישְׁט קֵיינֶעם מְקַנֵּא, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט בֶּעסֶער חֲתוּנָה גֶעהַאט פוּן דִיר, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט אַ צְוֵוייטֶע מַעֲשֶׂה, יֶעדֶער מוּטְשֶׁעט זִיךְ מִיט יִסּוּרֵי הַנֶּפֶשׁ, זֶה בְּכֹּה וְזֶה בְּכֹה, מִיט תְּפִלָּה אוּן מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי'ן וֶוערְט מֶען אוֹיסְגֶעהֵיילְט, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יג, דֶעם זֶעקְסְטְן טָאג): "אוּן אִיךְ הֵייל זִי".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### דִי גִּלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע מַהְפֵּכָה

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ט אִיָּר, מ״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳, לֶעיקְוָואד**

שְׁטַארְקְט אַייךְ מִיט דִי הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט פוּן הֶעלְפְן אַרוֹיסְגֶעבְּן דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע גִּלְיוֹן אִין עֶנְגְלִישׁ, וָואס מַאכְט אַ גְרוֹיסֶע מַהְפֵּכָה צְוִוישְׁן דִי עוֹלָם וָואס קֶען נָאר לֵיינֶען עֶנְגְלִישׁ, בִּפְרַט אִין לֶעיקְוָואד. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ", דֶער וָואס אִיז מְזַכֶּה מֶענְטְשְׁן זָאלְן וֶוערְן נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - וֶוערְט אָפְּגֶעהִיטְן פוּן עֲבֵירוֹת אוּן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

נִישְׁטָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ וִוי טוּן אִין הֲפָצַת סִפְרֵי רַבֵּינוּ, וַוייל וִויפִיל מִיר וֶועלְן נָאר תְּשׁוּבָה טוּן וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן; הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעלֶערְנְט - אַז דוּרְךְ צוּרִיק בְּרֶענְגֶען מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס אִיז אוּנְזֶער אֵיינְצִיגְסְטֶע וֶועג וִוי מֶער קֶענֶען פַארְרֶעכְטְן וָואס מִיר דַארְפְן פַארְרֶעכְטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
...

### רֶעד נִישְׁט צוּ מֶענְטְשְׁן צוּ קוּמֶען וואוּינֶען אִין לִיבֶּערְטִי

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ט אִיָּר, מ״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד
**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

זַייט מְחַזֵק וַוייטֶער פְּרוֹיעֶן אוּן מֵיידְלֶעךְ מִיט דִי עֵצוֹת פוּן רֶבִּי׳ן, בְּעִיקָר זָאלְט אִיר מְחַזֵק זַיין מִיט דִי צְוֵויי זַאכְן, אֵיינְס מֶען זָאל וִויסְן ׳דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיךְ לִיבּ׳, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער קוּקְט אַרַיין אִין הַארְץ, עֶר זֶעט דִי ווילְן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוּן לֵיינְט דִי מַחֲשָׁבוֹת פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן דֶער וָואס מֵיינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער וָואס ווִיל זַיין גוּט - דָאס אִיז זֵייעֶר זֵייעֶר חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

צְווייטְנְס, זַייט מְחַזֵק מֶען זָאל שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן; אִין אָנְהוֹיבּ אִיז דָאס נִישְׁט גְרִינְג, מֶענְטְשְׁן קֶענֶען רֶעדְן צוּ אֵיינֶעם וָואס מֶען זֶעט אַז יֶענֶער הֶערְט אוֹיס, אָבֶּער וֶוען מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא - אִיז דָאס שְׁוֶוער צוּ טוּן; זָאלְט אִיר מְחַזֵק זַיין מֶענְטְשְׁן צוּ רֶעדְן אֲפִילוּ אַפָּאר סֶעקוּנְדֶעס, אֲפִילוּ אַפָּאר וֶוערְטֶער יֶעדְן טָאג; אוֹיף דִי צְוֵויי עִקָרִים זָאלְט אִיר זִיךְ פַּארְלֵייגְן.

בְּשׁוּם אֵין אוֹפָן רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַרַיינְשִׁיקְן זֵייעֶרֶע קִינְדֶער בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד, אָדֶער קוּמֶען וואוֹינֶען אִין לִיבֶּערְטִי; נִישְׁט דָאס אִיז הַפָּצָה, דָאס אִיז טִפְּשׁוּת; הַפָּצָה אִיז רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוֹיסְשְׁרֵייעֶן הוֹיךְ: "עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער", אוּן מְגַלֶה זַיין פַּאר אַלֶעמֶען דִי עֵצָה פוּן מָשִׁיחַ, דִי עֵצָה פוּן רֶבִּי'ן, דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת, נָאר דָאס אִיז בְּרֶסְלֶב, אוּן אַז מֶען רֶעדְט צוּ מֶענְטְשְׁן זָאלְן אַרַיינְשִׁיקְן בַּיי אוּנְז אִין דִי מוֹסָד, אָדֶער קוּמֶען וואוֹינֶען אִין אוּנְזֶער שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - דָאס אִיז נִישְׁט הֲפָּצָה, דָאס אִיז טִפְּשׁוּת, אוּן יֶעדֶער לַיידְט נָאכְדֶעם, וד"ל.

נָאךְ אַ זַאךְ, וֶוען מֶען רוּפְט אַייךְ בֶּעטְן הִילְף זָאלְט אִיר נִישְׁט זָאגְן: "פְרֶעג דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה", וַוייל אַז מֶען קוּמְט צוּ אַייךְ בֶּעטְן הִילְף - דַארְף מֶען יֶענֶעם מְחַזֵק זַיין אוּן יֶענֶעם גֶעבְן גוּטֶע עֵצוֹת, מֶען רוּפְט אַייךְ נִישְׁט צוּ הֶערְן דִי זַאךְ 'פְרֶעג דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה', אַז מֶען קוּמְט צוּ אַייךְ פַאר חִיזוּק דַארְפְט אִיר יֶענֶעם הֶעלְפְן מִיט חִיזוּק אוּן מִיט עֵצוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## זַיי נִישְׁט עֶקְסְטְרֶעם, נִישְׁט רֶעכְט אוּן נִישְׁט לִינְק, בִּפְרַט בַּיי חִינוּךְ

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה׳ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ״ט אִיָּר, מ״ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד
לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאף דוּ הָאסְט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט; וֶוען דוּ זֶעסְט דַיין בָּחוּר׳ל פִירְט זִיךְ מִיט חוּצְפָּה, אֲפִילוּ מִיט קְלֵיינִיקֵייטְן, עֶר מַאכְט דִיר אַ שְׁלֶעכְטֶע פַּאקֶס - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אִיגְנָארִירְן אוּן טְרַאכְטְן ׳עֶס אִיז גָארְנִישְׁט׳, נָאר זָאג אִים שֵׁיין אוּן גֶעלַאסְן: ״מֶען מַאכְט נִישְׁט אַזוֹי אַ פַּאקֶס פַאר אַ טַאטֶע״, אוּן אַז עֶר וֶועט דָאס נִישְׁט אָנְנֶעמֶען, עֶר וֶועט מַאכְן נָאכְאַמָאל אַ פַּאקֶס פוּן בִּיטוּל, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן שֵׁיין אוּן גֶעלַאסְן: ״מֶען קֶען נִישְׁט אַזוֹי מַאכְן פַאר אַ טַאטֶע, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לָאזְט נִישְׁט״, אוּן אַז עֶר זָאגְט עֶר וִויל שׁוֹין גֵיין אוּן דוּ ווִילְסְט נָאךְ שְׁמוּעֶסְן וְכוּ׳ אוּן עֶר גֶעבְּט אַ וַוארְף אַרָאפּ אַ טֶעלֶער - זָאלְסְטוּ דָאס נִישְׁט אִיגְנָארִירְן, וַוייל אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט מוֹחֵל אוֹיף דַיין כָּבוֹד אוּן דוּ טְרַאכְסְט עֶס גֵייט דִיר נִישְׁט אָן, וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין מִיט אִים? עֶר דַארְף דָאךְ חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן ווִיסְן אַז דִי לֶעבְּן גֵייט נִישְׁט פִּינְקְט ווִי מֶען ווִיל, זָאלְסְטוּ אִים זָאגְן שֵׁיין אוּן גֶעלַאסְן: ״מֶען פִירְט זִיךְ נִישְׁט אַזוֹי״, לֶערְן אִים אַז עֶר גֵייט חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן אַז דִי וַוייבּ קוּמְט נִישְׁט דִי רֶגַע וָואס מֶען ווִיל - דַארְף מֶען ווִיסְן ווִי אַזוֹי דָאס צוּ נֶעמֶען.

זַיי נִישְׁט עֶקְסְטְרֶעם, נִישְׁט רֶעכְט אוּן נִישְׁט לִינְק, בִּפְרַט בַּיי חִינוּךְ; דִי וָואס זָאגְן גָארְנִישְׁט, בַּיים סוֹף פְּלַאצְן זֵיי, אוּן דִי וָואס שְׁלָאגְן אוּן טֵיילְן מַכּוֹת - דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין חִינוּךְ. נֶעם נִישְׁט דִי פוּילֶע וֶועג, נֶעם דִי עֶרְלִיכֶע וֶועג פוּן זָאגְן שֵׁיין אוּן גֶעלַאסְן כְּסֵדֶר.

אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי דַארְף מֶען אַסַאךְ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים בֶּעטְן פַאר עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁנַיידְן שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען עֶר זָאל נִישְׁט וַוייזְן קַיין וִוידִיאוֹס פַאר'ן קִינְד**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ה' פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, כ"ט אִיָּר, מ"ד לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ', מְנַהֶלֶת בֵּית פֵּיגָא, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב לִיבֶּערְטִי**

בְּנוֹגֵעַ דִי מֵיידְל וָואס דֶערְצֵיילְט ווִי דֶער טַאטֶע וַוייזְט אִיר יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי דִי נֵייעֶס פוּן מִלְחָמוֹת, פוּן בָּאמְבֶּעס וְכוּ' וְכוּ'; בִּיטֶע אַרִיבֶּערְרוּפְן דִי טַאטֶע, אִים זָאגְן אַז עֶר מַאכְט חָרוּב דִי אַרְבֶּעט וָואס מִיר אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְץ יָאר מִיטְן קִינְד, אוּן זִיךְ אוֹיסְנֶעמֶען אַז עֶר זָאל נִישְׁט וַוייזְן קַיין שׁוּם קְלִיפְּס אוּן וִוידִיאוֹס נֵייעֶס פַאר דִי קִינְד, אוּן נָאר אַזוֹי קֶענֶען מִיר צוּרִיק נֶעמֶען דִי קִינְד אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר הַבָּא עָלֵינוּ לְטוֹבָה.

מִיר זֶענֶען מְחוּיָּב צוּ אַרְבֶּעטְן מִיט דִי קִינְדֶער וֶוען דִי עֶלְטֶערְן ווִילְן מִיט אַרְבֶּעטְן, רֶבִּי נָתָן הָאט אוּנְז גֶעלֶערְנְט וָואס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שְׁמוֹת כג, ה): "עָזֹב תַּעֲזֹב עִמּוֹ", מֶען דַארְף יֶענֶעם הֶעלְפְן, 'עִמּוֹ' מִיט יֶענֶעם; יֶענֶער דַארְף אוֹיךְ זִיךְ וֶועלְן הֶעלְפְן.

רֶעדְט שֵׁיין, וֵוייךְ, אָבֶּער שְׁטַארְק - אָן קַיין מוֹרָא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**ווִי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין?**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת בַּמִּדְבָּר, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ סִיוָן, מ"ה לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, ה' עֲלֵיהֶם יִחְיוּ

אִיךְ ווִיל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי שֵׁיינֶע חִיזוּקִים וָואס מִיר הָאבְּן גֶעשְׁמוּעֶסְט דִי וָואךְ בַּיים לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּר אִין אַמֶערִיקֶע. מִיר שְׁטֵייעֶן שׁוֹין בַּיים בַּארְג סִינַי, מִיר גֵייעֶן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אוּן בַּיי

קַבָּלַת הַתּוֹרָה שְׁטֵייט (שְׁמוֹת יט, ב): "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל נֶגֶד הָהָר", זָאגְט רַשִׁ"י, פַארְוָואס שְׁטֵייט אַ לָשׁוֹן יָחִיד? ווייל אִיבֶּערָאל אִיז גֶעוֶוען תַּרְעוּמוֹת און מַחֲלֹקֶת, און בַּיים בַּארְג סִינַי אִיז גֶעוֶוען אָן מַחֲלֹקֶת.

הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן לג): "הַכְּלָל הוּא, שֶׁצָּרִיךְ לְבַקֵּשׁ שָׁלוֹם", מֶען דַארְף שְׁטֶענְדִיג זוּכְן צוּ זַיין בְּשָׁלוֹם, "שֶׁיִּהְיֶה שָׁלוֹם בֵּין יִשְׂרָאֵל", סַיי מִיט מֶענְטְשְׁן, עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם צְווִישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, "וְשֶׁיִּהְיֶה שָׁלוֹם לְכָל אָדָם בִּמְדוֹתָיו", און סַיי מִיטְן מֶענְטְשׁ אַלֵיין, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ, "הַיְינוּ שֶׁלֹּא יִהְיֶה מֵחֲלֹק בְּמִדּוֹתָיו וּבִמְאוֹרְעוֹתָיו", עֶר זָאל נִישְׁט זַיין בְּרוֹגֶז וֶוען זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט ווִי עֶר ווִיל, "שֶׁלֹּא יְהֵא לוֹ חִלּוּק בֵּין בְּטִיבוֹ בֵּין בְּעָקוֹ", 'סַיי וֶוען עֶס גֵייט מִיר גוּט און סַיי וֶוען עֶס גֵייט מִיר פַארְקֶערְט', "תָּמִיד יִמְצָא בּוֹ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ", 'וֵויס אִיךְ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא מִיט מִיר און עֶר מַאכְט מִיר נָאר גוּטְס, אַזוֹי ווִי דָוִד הַמֶּלֶךְ זָאגְט (תְּהִלִּים נו, יא) 'בַּהַשֵּׁם', וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט מִיר חֲסָדִים, 'אֲהַלֵּל דָּבָר', דַאנְק אִיךְ אִים, 'בֵּאלֹקִים', און וֶוען עֶס קוּמְט דֶער מִידַּת הַדִּין, 'אֲהַלֵּל דָּבָר', דַאנְק אִיךְ אִים'; דָאס זָאגְט אוּנְז דִי תּוֹרָה, וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם בַּארְג סִינַי אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין מַחֲלֹקֶת מִיט זִיךְ אַלֵיין, מֶען אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען בְּרוֹגֶז אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין טַעֲנוֹת; דָאס מֵיינְט דֶער פָּסוּק: "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל, 'כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד'", מִיט אֵיין הַארְץ, אָן קַיין תַּרְעוּמוֹת.

טֵייעֶרֶע חֲבֵרִים, מֶען קֶען גֵיין אָנְגֶעטוּן מִיט דִי שְׁמוֹנָה בְּגָדִים, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט אֵיין פִּינְטֶעלֶע טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֵיין פִּינְטֶעלֶע תַּרְעוּמוֹת - אִיז מֶען בַּיי דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלַן; מֶען טָאר נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת און טַעֲנוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען דַארְף הָאבְּן אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט, עֶר פִירְט אַלֶעס בְּצֶדֶק וּבְמִשְׁפָּט בְּחֶסֶד וּבְרַחֲמִים.

אִיךְ הָאבּ פִּינְקְט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אֵיינֶעם פַארְן שִׁיעוּר, יֶענֶער הָאט זִיךְ זֵייעֶר אָפְּגֶערֶעדְט, יֶענֶער אִיז נֶעבֶּעךְ אַרֵיינְגֶעפַאלְן אִין אַ קַטְנוּת הַדַּעַת, אִין דִי טוּמְאָה רַחֲמָנָא לִצְלַן; פוּל מִיט קַשְׁיוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן און אוֹיף

צַדִיקִים פוּן וֶוייטָאג אַז זַיינֶע קִינְדֶער בְּרֶענְגֶען אִים נִישְׁט נַחַת, זֵיי טוּעֶן זִיךְ נִישְׁט אָן וִוי אִים. הָאבּ אִיךְ דֶערְצֵיילְט בַּיים שִׁיעוּר, אִיךְ גֶעדֶענְק יָארְן צוּרִיק בִּין אִיךְ אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, אִיךְ הָאבּ גֶעגֶעסְן בַּיי יֶענֶעם דִי שַׁבָּת סְעוּדוֹת, אוּן דָארְט אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען דָא קִינְדֶער וָואס זֶענֶען בִּיז דֶערְוַוייל נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, דִי קִינְדֶער זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם שַׁבָּת טִישׁ זֵייעֶר נִישְׁט מְסוּדָר, אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם בְּרֶסְלֶב'ן חָסִיד וִוי דִי פָּנִים שַׁיינְט אִים מִיט אַזַא שִׂמְחָה, מִיט אַזַא הֵיילִיגְקֵייט, אִיךְ הָאבּ גֶעטְרַאכְט צוּ מִיר 'וִוי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ רֵיינֶעם הַארְץ, נִישְׁט הָאבְּן קַיין טַעֲנוֹת אוּן תַּרְעוּמוֹת, וַוייטֶער לִיבּ הָאבְּן דִי קִינְדֶער, וַוייטֶער טוּן וָואס מֶען הָאט צוּ טוּן...'

עֶס אִיז כְּדַאי עֶנְק זָאלְן אוֹיסְהֶערְן דִי שִׁיעוּר נָאךְ פַאר יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת; בִּפְרַט דִי וָואס הָאבְּן אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער זָאלְן וִויסְן אַז דִי שְׁטוּבּ, דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב - דַארְף זַיין אֵיין שְׁטִיק שִׂמְחָה, אֵיין שְׁטִיק גֶעשְׁמַאק, נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין דִי קִינְדֶער זָאלְן וַוייטֶער גֵיין אוֹיף דִי וֶועג פוּן דִי תּוֹרָה, וַוייל אַז קִינְדֶער זֶעעֶן וִוי מֶען וֵויינְט, מֶען שְׁרֵייט, מֶען קְרִיגְט זִיךְ, טַאטֶע מַאמֶע קוּקְן זִיךְ נִישְׁט אִין דִי אוֹיגְן, יֶעדֶער הָאט אַנְדֶערֶע טַעֲנוֹת - ווִילְן דִי קִינְדֶער נָאר אַנְטְלוֹיפְן.

אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַסַאךְ צוּ שְׁרַייבְּן אָבֶּער עֶס וֶוערְט שׁוֹין דֶער זְמַן. אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר עֶנְק זָאלְן זִיךְ אוֹיפְפְרִישְׁן מִיט הַפָּצָה, אִיךְ בֶּעט דִי אַלֶע גַבָּאִים פוּן הַדְפָּסָה זָאלְן מִיר שִׁיקְן וֶועכְנְטְלִיךְ אַ בַּארִיכְט וִויפִיל אַלֶע זֶענֶען מֵפִיץ, אִיךְ וִויל אַרוֹיפְרִיקְן דִי נוּמֶערְן, אוּן יֶעדֶער אֵיינֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאל אָנְהוֹיבְּן מֶער טוּן אִין הַפָּצָה. מִיר פָארְן שׁוֹין נָאךְ אַבִּיסְל צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן בְּאֵילוּ פָּנִים וֶועלְן מִיר קוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אָן מְזַכֶּה זַיין נְשָׁמוֹת יִשְׂרָאֵל... וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַמָאל: "אוֹיבּ דוּ קוּמְסְט צוּ מִיר פַארְוָואס קוּמֶען נִישְׁט אַלֶע? אוּן אַז אַלֶע קוּמֶען נִישְׁט - פַארְוָואס קוּמְסְטוּ יָא?" בִּכְּלָל זָאלְן דִי גַבָּאִים פוּן דִי הַדְפָּסָה אִין יֶעדֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען דְרוּקְט - מִיר שִׁיקְן וֶועכְנְטְלִיךְ אַ בַּארִיכְט וִויפִיל אַלֶע בַּאשְׁטֶעלְן, אוּן אִיךְ הָאף אַז דִי נוּמֶערְן וֶועלְן זִיךְ אַרוֹיפְרִיקְן בַּיי יֶעדְן.

איך שְׁרַייבּ אַייךְ אִין קוּרְצְן דִי מִנְהָגִים פוּן שָׁבוּעוֹת בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ. וָוען עֶס וֶוערְט דֶער זְמַן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען גֵייט דַאוֶונֶען, נָאכְן דַאוֶונֶען בְּלַייבְּט מֶען נִישְׁט שְׁמוּעֶסְן, מֶען גֵייט אַהֵיים צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער אוּן מֶען מַאכְט אַ סְעוּדָה. בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען רֶעדְט צוּ דִי קִינְדֶער וִוי גְלִיקְלִיךְ מִיר זֶענֶען, מִיר זֶענֶען אִידְן נִישְׁט קֵיין גוֹיִם. בַּיינַאכְט אִיז מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען זָאגְט דִי תִּיקוּן אוּן מֶען גֵייט אִין מִקְוֶה, אוּן בֵּיידֶע טֶעג אִיז מֶען זֵייעֶר זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ אַז מִיר זֶענֶען אִידְן.

אֵיי וָועסְטוּ פְרֶעגְן, זֵייעֶר שֵׁיין גֶעשְׁרִיבְּן אוּן זֵייעֶר שֵׁיין גֶערֶעדְט, אָבֶּער וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן זַיין בְּשָׁלוֹם מִיט זִיךְ אַלֵיין? קוּק אַרַיין דִי וֶוערְטֶער פוּן רֶבִּי'ן (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שָׁם), דֶער רֶבִּי פְרֶעגְט דִי פְרַאגֶע: "וְעַל יְדֵי מָה יִמְצָא הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בֵּין בְּטִיבוֹ בֵּין בְּעָקוֹ", וִוי אַזוֹי קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם, עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קֵיין חִילוּק פוּן גוּט אוּן שְׁלֶעכְט, מֶען זָאל וִויסְן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז נָאר גוּט? "עַל יְדֵי הַתּוֹרָה הַנִּקְרֵאת שָׁלוֹם", דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ דֶעם, דִי תּוֹרָה מַאכְט דֶעם מֶענְטְשׁ צוּפְרִידְן. אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (מִשְׁלֵי ג, יז): "וְכָל נְתִיבוֹתֶיהָ שָׁלוֹם", דִי תּוֹרָה בְּרֶענְגְט שָׁלוֹם, "וְעַל יְדֵי צַדִיקִים", אוֹיךְ דוּרְךְ דִי צַדִיקִים; אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, מֶען הֶערְט דִי עֵצוֹת אוּן חִיזוּק פוּן צַדִיקִים - וֶוערְט מֶען אַ צוּפְרִידֶענֶער, "וּמֵחֲמַת זֶה יָכוֹל לֶאֱהֹב אֶת הַשָּׁלוֹם בְּכָל מָקוֹם, הֵן בְּטִיבוֹ וְכוּ'", אַז מֶען אִיז מְקוּרָב צוּם צַדִיק, מֶען פָאלְגְט דִי עֵצוֹת אוּן מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה - וֶוערְט מֶען אַ צוּפְרִידֶענֶער מֶענְטְשׁ, מֶען הָאט זִיךְ אַלֵיין לִיבּ, "וְיָכוֹל לִהְיוֹת שָׁלוֹם בֵּין יִשְׂרָאֵל, וְלֶאֱהֹב זֶה אֶת זֶה", אוּן אוֹיךְ הָאט מֶען לִיבּ יֶעדְן אִיד.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## אַז מֶען הָאט וֵוייטָאג, דַארְף דָאס וֶוערְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**טֵייעֶרֶער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אוֹיבּ דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה אוֹיפְן מְנַהֵל - אִיז רִיכְטִיג זָאלְסְט רֶעדְן מִיט אִים אוּן אִים זָאגְן דִי טַעֲנָה, אוּן אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער צוּ רֶעדְן - זָאלְסְטוּ דָאס אַרָאפְּשְׁרַייבְּן. וָואלְט דָאס גֶעוֶוען אַ פְּרֶעמְדֶער אוּן דוּ הָאסְט אַ טַעֲנָה אַז מֶען הָאט דִיךְ אָפְּגֶעזָאגְט פוּן מְלַמְּדוּת וָואלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעדַארְפְט עֶנְדִיגְן מִיט שֵׁיינֶעם, זִיכֶער בַּיים רֶבִּי׳ן וָואס מִיר זִיצְן צוּזַאמֶען, מִיר זֶענֶען וִוי אֵיין מִשְׁפָּחָה, וִוי בְּרִידֶער - דַארְפְן מִיר זִיךְ דוּרְכְרֶעדְן, אוּן אַז מֶען הָאט וֵוייטָאג - דַארְף דָאס וֶוערְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## נֶעבֶּעךְ פַאר דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס מֵיינֶען אַז דָאס אִיז צְנִיעוּת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

**מָרַת ... תִּחְיֶ׳**

אַייעֶר מַאן הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַז לֶעצְטְנְס זֶענְט אִיר נִישְׁט רוּאִיג מִיט אַייעֶר צְנִיעוּת, אִיר הַאלְט אִיר זֶענְט נִישְׁט גֶענוּג צְנִיעוּת׳דִיג, אַייעֶר מַאן זָאגְט עֶר מֵיינְט דָאס קוּמְט זַייט אִיר הֶערְט אוֹיס דִי הַאטְלֵיין פוּן דִי ׳פְרוּמֶע שָׂטָן׳ וָואס מַאכְן מְשׁוּגָע אִידִישֶׁע פְרוֹיעֶן מִיט צְנִיעוּת שֶׁלֹּא עַל פִּי תּוֹרָה.

אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט אַייעֶר מַאן, אוֹיבּ אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן צִי אִיר וֶועט מְקַבֵּל זַיין, הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: ״יָא, אַוַדַאי״, דֶערִיבֶּער שְׁרַייבּ אִיךְ אַייךְ, אוּן אִיךְ בֶּעט אַייךְ, פַאר אַייעֶר טוֹבָה אוּן פַאר דִי טוֹבָה פוּן אַייעֶר שְׁטוּבּ - זָאלְט אִיר מֶער נִישְׁט קְלִינְגֶען צוּ דִי ׳פְרוּמֶע שָׂטָן׳, נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן זֵייעֶרֶע שִׁיטוֹת, נָאר אוֹיסְהֶערְן דַּעַת תּוֹרָה; וָואס דִי עֶרְלִיכֶע רַבָּנִים זָאגְן, אוּן וָואס דִי תּוֹרָה זָאגְט.

דִי הַאטְלֵיין פוּן דִי ׳פְרוּמֶע שָׂטָן׳ מַאכְט חָרוּב אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער אוּן דִי הָאבְּן שׁוֹין חָרוּב גֶעמַאכְט זֵייעֶר אַסַאךְ שְׁטִיבֶּער, דִי ׳פְרוּמֶע שָׂטָן׳ הָאט נִישְׁט קַיין דַעַת תּוֹרָה, זֵיי מַאכְן חוֹזֶק פוּן הָאבְּן דַעַת תּוֹרָה, זֵיי גֵייעֶן מִיט זֵייעֶר קְרוּמֶע שֵׂכֶל, אוּן נֶעבֶּעךְ פַאר דִי עֶרְלִיכֶע פְרוֹיעֶן וָואס מֵיינֶען אַז דָאס אִיז צְנִיעוּת.

דִי אַרַאבֶּער שְׁטֶעלְן זִיךְ אוֹיךְ אַהֶער כְּאִילוּ זֵיי זֶענֶען פְרוּם, זֵיי טוּעֶן זִיךְ אָן מִיט לַיילֶעכֶער אַרוּמְגֶעבִּינְדְן וְכוּ׳, אָבֶּער דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן אוּנְז דֶעם אֱמֶת (קִידוּשִׁין מט:): ״י׳ קַבִּים זְנוּת יָרְדוּ לְעוֹלָם״, צֶען קַב זְנוּת אִיז דָא אוֹיף דִי וֶועלְט, ״תִּשְׁעָה נָטְלָה עַרְבִיָא כו׳״, אוּן נַיין קַב הָאבְּן דִי אַרַאבֶּער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

## דֶער גְרֶעסְטֶער טֶערָאפִּיסְט אוֹיף דֶער וֶועלְט

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מַיין טֵייעֶרֶער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דוּ הָאסְט גֶעטְרָאפְן דֶעם גְרֶעסְטְן טֶערָאפִּיסְט פוּן דֶער וֶועלְט, דַארְפְסְט נִישְׁט גֵיין זוּכְן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ.

זַיי מַמְשִׁיךְ מִיט אַלֶע זַאכְן וָואס דוּ הֶערְסְט בַּיי דִי טֶערָאפִּי סֶעשָׁאנְס, זָאג יֶעדְן טָאג מִשְׁנָיוֹת מִיט בְּלֶעטֶער גְמָרָא, אוּן בְּעִיקָר זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִים דֶערְצֵיילְן אַלֶע מַחֲשָׁבוֹת, אַלֶע גֶעפִילְן, אַלֶעס וָואס שְׁטוּרֶעמְט אִין דַיין מֹחַ - וֶועסְטוּ מִיט דִי צַייט וֶוערְן אוֹיסְגֶעהֵיילְט אוּן וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

**דִי קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְט אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן אִין דִי קְהִילָה**

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, ג׳ סִיוָן, מ״ז לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן מָרַת ... תִּחְיֶ׳, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר צוּ הֶערְן אַז אִיר שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט דִי וֶועכְנְטְלִיכֶע פְּרוֹיעֶן צַאמְקוּם, אִיר שֶׁעפְּט זִיךְ אָן מִיט פְרִישֶׁע כֹּחוֹת פוּן דִי שִׁיעוּר אוּן פוּן זִיךְ טְרֶעפְן מִיט נָאךְ פְרוֹיעֶן, אוּן פוּן דִי מַעֲשִׂיּוֹת פוּן תְּפִלָּה וְכוּ׳ וְכוּ׳.

עֶס קוּמְט אַייךְ אַ גְרוֹיסְן דַאנְק פוּן מִיר אוּן בְּשֵׁם כָּל הַקְּהִלָּה אַז אִיר לֵייגְט אַרַיין אַזוֹיפִיל כֹּחוֹת אִין דִי קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְט, וואוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קֶענֶען קוֹיפְן קְלֵיידֶער פַאר נִישְׁטִיגֶע פָאר דָאלֶער, אוּן זִיךְ שְׁפָּארְן פוּן אוֹיסְגֶעבְּן אַזוֹיפִיל גֶעלְט, אוּן פוּן בָּארְגְן, גַנְבְ׳עֶנֶען, צֶעקְוֶועטְשֶׁען דֶעם מַאן וְכוּ׳ וְכוּ׳. דִי קְלֵיידֶער גֶעשֶׁעפְט אִין שְׁטֶעטְל אִיז פוּן דִי שֶׁענְסְטֶע זַאכְן בַּיי אוּנְזֶער קְהִילָה, אוּן ווארִיל אִיז אַייךְ אוּן פַאר אַלֶע הֶעלְפֶערְס וָואס לֵייגְן צוּ אַ הַאנְט בְּהִתְנַדְּבוּת, אַז דִי גֶעשֶׁעפְט זָאל קֶענֶען אָנְגֵיין וַוייטֶער מִיטְן פַארְקוֹיפְן פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ קְלֵיידֶער פַאר צְוֵויי דְרֵיי דָאלֶער.

בְּנוֹגֵעַ זַאכְן וָואס מֶען דַארְף בֶּעסֶער מַאכְן זָאלְט אִיר רֶעדְן צוּ מָרַת ... תִּחְיֶ׳ אוּן זִי וֶועט אִיבֶּערְגֶעבְּן פַאר אִיר מַאן נֵרוֹ יָאִיר, אוּן זֵיי וֶועלְן מַאכְן דָאס בֶּעסְטֶע אוּן דָאס שֶׁענְסְטֶע. דִי פְּלַאץ אִיז גָאר קְלֵיין, אִיךְ הָאף צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע גֶעשֶׁעפְט, עֶס זָאל זַיין בַּאקְוֶועם פַאר דִי פְּרוֹיעֶן אַיינְצוּקוֹיפְן, אִיךְ דַארְף דִי תְּפִלּוֹת פוּן דִי אַיינְוואוֹינֶער פוּן שְׁטֶעטְל צוּ קֶענֶען אוֹיסְפִירְן מַיינֶע פְּלֶענֶער.

בְּנוֹגֵעַ שְׁרַייבְּן אִין דִי בְּלֶעטְל; עֶס אִיז זֵייעֶר אַ וִוּיכְטִיגֶע זַאךְ עֶס זָאל זַיין פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וֶועכְנְטְלִיכֶע אוֹיסְגַאבֶּעס צוּ לֵיינֶען, אִיז דָאס אִיז זִיכֶער אַ גְרוֹיסֶע זְכוּת פַאר אַלֶע פְרוֹיעֶן וָואס גֶעבְּן אַוֶועק צַייט צוּ שְׁרַייבְּן שֵׁיינֶע זַאכְן צוּ לֵיינֶען.

אוֹיף דִי פְרַאגֶע וָואס זָאל זַיין דֶער עִיקָר פוּן דִי שְׁרַייבְּוֶוערְק; עֶרְשְׁטְנְס דַארְף עֶס זַיין גֶעשְׁרִיבְּן צִיעֶנְדִיג, עֶס זָאל צִיעֶן דִי לֵיינֶער דָאס צוּ וֶועלְן לֵיינֶען, אוּן דִי אִינְהַאלְט זָאל זַיין צוּ גֶעבְּן כֹּחַ פַאר אִידִישֶׁע מַאמֶעס וָואס גֵייעֶן

אַרִיבֶּער יֶעדְן טָאג שְׁוֶועֶרֶע אַרְבֶּעט; זֵיי מוּטִיגְן אוּן וַוייזְן דִי הֵיילִיגְקֵייט פוּן בְּרֶענְגֶען קִינְדֶער, הָאדֶעוֶוען קִינְדֶער אוּן אַלֶעס וָואס מֶען רֶעדְט בַּיי דִי שִׁיעוּרִים.

בְּנוֹגֵעַ דִי נֵייעֶן וְכוּ׳; אַוַדַאי אוּן אַוַדַאי זָאלְט אִיר אָנְהַאלְטְן דָאס נֵייעֶן, אוֹיךְ זָאלְט אִיר אוֹיסְלֶערְנֶען אַייעֶרֶע עֶלְטֶערֶע טֶעכְטֶער דִי פַאךְ, עֶס אִיז אַ שֵׁיינֶע פַאךְ פַאר פְּרוֹיעֶן.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; הַאלְטְס דִי שְׁטוּב רֵיין, בְּרֶענְגְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּב אַ כְּלִי וָואס זֶעט אֲפִילוּ אוֹיס וִוי אַ סְמַארְטְפָאוֹן. מִיר הָאט מֶען אוֹיךְ גֶעקוֹיפְט אַזַא כְּלִי וָואס הָאט אַלֶע מוּזִיק, אִיךְ הָאבּ עֶס אָבֶּער נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען, אִיךְ וִויל נִישְׁט הָאבְּן אִין שְׁטוּב קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטֶע זַאךְ, אוּן אֲפִילוּ וָואס זֶעט אוֹיס שְׁלֶעכְט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אִיז אוֹיךְ שַׁיָךְ פַאר פְּרוֹיעֶן

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ג׳ פַּרְשַׁת נָשֹׂא, עֶרֶב חַג הַשָּׁבוּעוֹת, ה׳ סִיוָן, מ״ט לָעֹמֶר, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן

מָרַת ... תִּחְיֶ׳

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אַייעֶר בְּרִיוו.

תִּיקוּן לֵיל שָׁבוּעוֹת אִיז אוֹיךְ שַׁיָךְ פַאר פְּרוֹיעֶן; אִיר קֶענְט אוֹיפְבְּלַייבְּן נָאךְ דִי סְעוּדָה, לֵייגְט שְׁלָאפְן דִי קְלֵיינֶע קִינְדֶער, רֵיינִיגְט אָפּ דִי סְעוּדָה, זָאגְט תְּהִלִּים אוּן בֶּעטְס פַאר אַייעֶרֶע דוֹרוֹת.

דֶער עִיקָר אִיז זִיךְ בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דָאס אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְן מוֹיל: ״הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּענְק זִיךְ צוּ דִיר״.

...

**אַפָּאר נְקוּדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען דֶעם שָׁבוּעוֹת**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת נָשֹׂא, אִסְרוּ חַג, ח׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן**

**לִכְבוֹד מַיינֶע טֵייעֶרֶע לִיבֶּע חֲבֵרִים תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ פוּן אֶרֶץ הַקוֹדֶשׁ, ה׳ עֲלֵיהֶם יִחְיוּ**

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנְדָאסְנֵיי דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת. אִיךְ בִּין גֶעוֶוען יוֹם טוֹב אִין שְׁטֶעטְל קְרְיַת בְּרֶסְלֶב, מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען אוּן מְחַזֵּק גֶעוֶוען. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, אִיךְ הָאף בַּיי עֶנְק אִין אוֹיךְ גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶער יוֹם טוֹב.

אִיךְ ווִיל אַייךְ שְׁרַייבְּן בַּאֲרִיכוּת פוּנֶעם יוֹם טוֹב אָבֶּער יֶעצְט אִיז עֶרֶב שַׁבָּת אוּן מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב, מֶען דַארְף אָנְגְרֵייטְן דֶעם שַׁבָּת, אִיךְ וֶועל אַייךְ שְׁרַייבְּן אַפָּאר נְקוּדוֹת וָואס מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶוען דֶעם יוֹם טוֹב.

שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזִינְגֶען פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן נִישְׁט קַיין גוֹיִם. אוֹיךְ בַּיי דִי תַּרְיַ״ג מִצְוֹת הָאבְּן מִיר נָאךְ יֶעדֶע מִצְוָה גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת, אַלֶע הָאבְּן גֶעזָאגְט: ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וּרְבִיָּה״, ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן מִילָה״, ״שְׁכֹּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן נִישְׁט עֶסְן דִי גִיד הַנָּשֶׁה״, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג נָאכְן דַאוֶוענֶען עֶסְט מֶען מִילְכִיגְס, אוֹיךְ אִיז דָא אַ מִנְהָג צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ, אוּן מֶען זָאגְט אַז אַלֶע טֶעג וָואס מֶען קְלַאפְּט - פִירְט מֶען זִיךְ צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ; עֶרֶב יוֹם הַקָּדוֹשׁ קְלַאפְּט מֶען עַל חֵטְא - עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה קְלַאפְּט מֶען דִי הוֹשַׁעְנוֹת - עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ, פּוּרִים קְלַאפְּט מֶען בַּיי הָמָן - עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ, אוּן שָׁבֻעוֹת עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ אָבֶּער מֶען זֶעט נִישְׁט מֶען זָאל עֶרְגֶעץ קְלַאפְּן, נָאר דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן, סִימָן יט): ״שֶׁאֲפִילּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד״, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, ״שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן״, עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן

און עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אַזוֹי ווִי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (קִידּוּשִׁין ל.) דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט: "בָּרָאתִי יֵצֶר הָרָע", אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן דֶעם יֵצֶר הָרָע, "וּבָרָאתִי לוֹ תּוֹרָה תַּבְלִין", און אִיךְ הָאבּ בַּאשַׁאפְן אַן עֵצָה ווִי אַזוֹי זִיךְ צוּ שְׁלָאגְן מִיט אִים; לֶערְנֶען תּוֹרָה שְׁלָאגְט דֶעם יֵצֶר הָרָע, דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען אִים צֶעקְלַאפְּן און צֶעהַאקְן; דָאס אִיז וָואס מֶען עֶסְט קְרֶעפְּלֶעךְ, וַוייל שָׁבוּעוֹת אִיז יֶעדֶער אֵיינֶער מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה, דָאס קְלַאפְּט אִים.

מֶען קֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס תּוֹרָה טוּט פַארְן מֶענְטְשׁ, אֲפִילוּ מֶען אִיז אַזוֹי גֶעפַאלְן אִין אַ טִיפֶע בְּלָאטֶע קֶען מֶען וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, רֶבִּי נָתָן דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקעג): "וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען דִי סוֹד פוּן כַּךְ וְכַךְ, אַז דוּרְךְ תּוֹרָה קֶען מֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּן עֲבֵירוֹת, הָאבּ אִיךְ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן צִי תּוֹרָה קֶען הֶעלְפְן אַזַא אֵיינֶעם וָואס אִיז אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף מִיר און גֶעזָאגְט: 'דוּ וֵוייסְט ווִי גְרוֹיס דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז? תּוֹרָה אִיז הֶעכֶער פוּן אַלֶעס'"; און אֲפִילוּ אַז אַ מֶענְטְשׁ לִיגְט נֶעבֶּעךְ אִין דִי עֶקְלְדִיגֶע עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ' - וֶועט עֶר וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

נָאכְמִיטָאג דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג הָאבְּן מִיר אַ מִנְהָג מִיר לֵיינֶען דִי תְּנָאִים פוּן דֶעם צַדִּיק וְקָדוֹשׁ רֶבִּי יִשְׂרָאֵל נַאגַ'ארַא זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, בַּיי אוּנְז אִיז דֶער מִנְהָג אַז מִיר גֶעבְּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע און עֶכְטֶע צִירוּנְג, מִיר גֶעבְּן פָּשׁוּטְ'ע צִירוּנְג, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה, מִיר מַאכְן דִי חֲתוּנָה מִיט דִי תּוֹרָה - דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין עֶכְטֶע און טֵייעֶרֶע, מֶען

קֶען זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנַיוֹת אֲפִילוּ אָן פַּארְשְׁטֵיין, און אַז אֵיינֶער זָאגְט דִיר 'עֶס אִיז נִישְׁט עֶכְט', זָאג אִים: 'בַּיי אוּנְז גֶעבְּט מֶען פָּשׁוּט'ֶע צִירוּנְג, מֶען גֶעבְּט נִישְׁט טֵייעֶרֶע'.

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג שָׁבוּעוֹת עֶסְן מִיר אוֹיךְ מִילְכִיגְס. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן מִיט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי מִילְךְ מֶעג מֶען עֶסְן, וָואס בֶּאֱמֶת קוּמְט דָאס פוּן בְּלוּט, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן מִילְךְ קוּמְט פוּן בְּלוּט, "דָּם נֶעְכָּר וְנַעֲשֶׂה חָלָב" (בְּכוֹרוֹת ו:), און מִיר וֵוייסְן דָאךְ, אַז "הַיּוֹצֵא מִן הַטָּמֵא טָמֵא" (שָׁם ה:), מִיט דֶעם זֶעעֶן מִיר בַּיי מִילְךְ אַז מֶען עֶסְט מִילְךְ וַוייל דָאס אִיז אַ נֵייעֶ בַּאשֶׁעפֶענִישׁ; דָאס ווִיל מֶען וַוייזְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן מִיטְן עָבַר, אֲפִילוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק בְּלוּט, עֵשָׂו הָרָשָׁע - קֶענְסְטוּ וֶוערְן וַוייס וִוי יַעֲקֹב, מִילְךְ, אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִימֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט", עֶס וֶוערְט אוֹיס בְּלוּט, דָּם נֶעְכַּר וְנַעֲשֶׂה חָלָב.

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג נָאכְמִיטָאג הָאבְּן מִיר דִי מִנְהָג פוּן לֵיינֶען דִי כְּתוּבָּה פוּן דֶעם צַדִיק הנ"ל, מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶּ' גֶעוֶוען מִיט דֶעם אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט "וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר דְרֵיי מָאל אַ יָאר: 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'שַׁבַּת חֲנוּכָּה' און 'שָׁבוּעוֹת' - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ", דָאס אִיז נִישְׁט נָאר נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט, דָאס אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶעבְּן, מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם און יֶענֶעם. מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן, מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם, פוּן יֶענֶעם, עֶר הַאקְט אוֹיף דֶעם, דֶער אִיז אַ שֵׁיגֶץ, דֶער אִיז אַ לִינְקֶער און דֶער אִיז פַארְכַאפְּט וְכוּ', בִּשְׁעַת דֶער וָואס רֶעדְט - דַאוֶוענְט נִישְׁט דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, לֵיינְט נִישְׁט קְרִיאַת שְׁמַע און עֶפְּנְט נִישְׁט אוֹיף אַ סֵפֶר מִשְׁנָה לְשָׁנָה, דָאס אִיז עוֹלָם הַתֹּהוּ און פוּן דֶעם רַאטֶעוֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי.

מַיינֶע טֵייעֶרֶע בְּרִידֶער פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיךְ הָאבּ עֶנְק גֶעשְׁרִיבְּן אַ פִּינְטְל פוּן אוּנְזֶער שָׁבוּעוֹת, אִיךְ וֵוייס אַז בַּיי עֶנְק אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען גוּטֶע דִיבּוּרִים, אוּן אִיךְ בֶּעט עֶנְק דִי אֵיין זַאךְ, הֶערְט אוֹיף זַיין פַארְנוּמֶען מִיט זַאכְן וָואס הָאט נִישְׁט מִיט עֶנְק, רֶעדְט נִישְׁט פוּן אַנְדֶערֶע אוּן זָארְגְט נִישְׁט אוֹיף אַ צְוֶוייטְנְ׳ס רוּחָנִיּוּת, כָּל זְמַן מֶען זֶעט אִין אַנְדֶערֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען - אִיז מֶען אַ גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת, כָּל זְמַן מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע - אִיז מֶען נָאךְ וַוייט וַוייט פוּן אֱמֶת.

מוֹהֲרָא״שׁ הָאט מִיר גֶעבֶּעטְן פֶּערְזֶענְלִיךְ אִין זַיין צַוָואָה, דִי צַוָואָה אִיז אוֹיךְ פַאר עֶנְק, דָאס אִיז נִישְׁט נָאר פַאר מִיר, אַלֶע קֶענֶען נִיצְן דִי צַוָואָה, זִיךְ מְחַיֶ׳ זַיין דֶערְמִיט, אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אוֹיבּ אִיר וֶועט אוֹיךְ זָאגְן אַז דִי צַוָואָה הָאט מֶען עֶנְק פְּרִיוַואט גֶעשְׁרִיבְּן. מוֹהֲרָא״שׁ בֶּעט מִיר אִיךְ זָאל נִישְׁט זָארְגְן פַאר דִי וֶועלְט וָואס הָאט נִישְׁט מִיט מִיר, עֶס הָאט אַ בַּעַל הַבַּיִת, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט עֶס, אוּן אִיךְ זָאל גֶעדֶענְקֶען אַז אֵיין טָאג וֶועל אִיךְ אַוֶועק גֵיין אוּן נָאר דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וֶועל אִיךְ מִיטְנֶעמֶען.

עֶס וֶוערְט שׁוֹין שַׁבָּת, אִיךְ דַארְף מְקַצֵּר זַיין.

אַ גוּט שַׁבָּת.

...

## פוּן דִי וֶוערְטְלֶעךְ אַרוּם דִי זַאךְ, זֶעט מֶען דֶעם אֱמֶת

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם א׳ פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י׳ סִיוָן, שְׁנַת תשפ״ד לִפְרָט קָטָן לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

שַׁבָּת אִין שְׁטֶעטְל אִיז גֶעוֶוען הֶערְלִיךְ שֵׁיין, אַ שַׁבָּת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט אַלֶע טַעֲמִים. מִיר הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר מְחַזֵּק גֶעוֶוען מִיט דִי אוֹצְרוֹת וָואס מִיר הָאבְּן פוּן רֶבִּי׳ן.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט סִידוּר עֵת רָצוֹן, דִי שְׁטִיקְל פוּן פַּרְשַׁת הַתָּמִיד. מוֹהֲרָא״שׁ רֶעדְט דָארְט, אָנְהוֹיבּ וֶוען מֶען הוֹיבְּט אָן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - שְׁפִּירְט מֶען אַ גֶעשְׁמַאק, אַ בְּרֶען, אָבֶּער נָאךְ אַ שְׁטִיק צַייט - הוֹיבְּט זִיךְ אָן זֵייעֶר שְׁוֶוערֶע עֲבוֹדוֹת, מֶען שְׁפִּירְט וִוי מֶען וֶועט שׁוֹין

קֵיינְמָאל נִישְׁט זוֹכֶה זַיין צוּ קוּמֶען צוּ דִי קְדוּשָּׁה. אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען וֶוערְט מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן, אִין אָנְהוֹיבּ אִיז מוֹחִין דְגַדְלוּת, מֶען שְׁפִּירְט אַ בְּרֶען, אַ פֵייעֶר, אוּן עֶרְגֶעץ וִוי וֶוערְט פַארְלָאשְׁן דִי פְלַאקֶער אוּן בְּרֶען, מֶען דַארְף שְׁוֶוער אַרְבֶּעטְן, וַוייל מֶען שְׁפִּירְט נִישְׁט אוּן מֶען זֶעט נִישְׁט, מֶען זֶעט נָאר פַארְקֶערְט. מוֹהֲרַנְ"ש אִיז דָארְט זֵייעֶר מְחַזֵּק מֶען זָאל זִיךְ אָנְהַאלְטְן מִיט אַלֶע כֹּחוֹת, מֶען זָאל גְלֵייבְּן אַז דָאס אִיז פַארְן תִּיקוּן פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, וָואס מֶען דַארְף אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן.

שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי וֶוען אִיךְ בִּין אִין שְׁטֶעטְל גְלַייךְ אִיךְ צוּ לֶערְנֶען אוּנְטְן אִין וַואלְד צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער, מֶען הֶערְט דָארְט דִי גֶעזַאנְג פוּן דִי פֵייגְלֶעךְ, עֶס אִיז זֵייעֶר אַנְגֶענֶעם דָארְט צוּ לֶערְנֶען, אוּן דָארְט לֶערְנֶען מִיר דִי שִׁיעוּרִים פוּן פַארְן דַאוְונֶען.

אִינְדֶערְפְרִי נָאכְן דַאוְונֶען הָאבְּן מִיר גֶעלֶערְנְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דֶעם מֶלֶךְ וְעָנָיו (סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ו). דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט, וֶוען מֶען וִויל וִויסְן אַ זַאךְ דַארְף מֶען הֶערְן דִי קַאטָאוֶועס (וֶוערְטְלֶעךְ) פוּן דִי זַאךְ, מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט דִי כְּלַל אִין לֶעבְּן, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען מִיט וֶועם זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן? וֶוער אִיז אַ גוּטֶער חָבֵר? וֶוער אִיז אַ פַארְלֶעסְלִיכֶער צוּ מַאכְן מִיט יֶענֶעם גֶעשֶׁעפְטְן? גוּטֶע שְׁכֵנִים - וְכַדוֹמֶה? דוּרְךְ הֶערְן יֶענֶעמְ'ס וֶוערְטְלֶעךְ קֶען מֶען וִויסְן יֶענֶעמְ'ס פְּנִימִיּוּת; אַז אֵיינֶער מַאכְט וֶוערְטְלֶעךְ פוּן טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען, עֶר פְלִיקְט אוּן שְׁטֶעכְט אוּן זָאגְט עֶר מַאכְט נָאר אַ וֶוערְטְל - זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז יֶענֶער אִיז אַ שְׁלֶעכְטֶער, שְׁטֵיי וַוייט פוּן אִים, אוּן אַז מֶען הֶערְט אֵיינֶעם מַאכְן שְׁמוּצִיגֶע וֶוערְטְלֶעךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ - וֵוייסְט מֶען אַז יֶענֶער אִיז אֵיין שְׁטִיק שְׁמוּץ. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּידּוֹת אוֹת נִיבּוּל פֶּה, סִימָן א): "מִי שֶׁמְּדַבֵּר נִבּוּל פֶּה, בְּיָדוּעַ שֶׁלִּבּוֹ חוֹשֵׁב מַחֲשָׁבוֹת אָוֶן", וֶוער עֶס רֶעדְט נִיבּוּל פֶּה אִיז אַ סִימָן אַז זַיין גַאנְצֶע קָאפּ אִיז אִים פַארְדָארְבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן, אוּן אַז מֶען הֶערְט וֶוערְטְלֶעךְ אוֹיף זַאכְן וָואס צַדִּיקִים זָאגְן - אִיז אַ סִימָן אַז דֶער גְלֵייבְּט נִישְׁט אִין צַדִּיקִים, עֶר וִויל בֶּאֱמֶת רֶעדְן אוֹיף דִי צַדִּיקִים נָאר עֶר הָאט מוֹרָא - רֶעדְט עֶר אוֹיף זַאכְן וָואס דֶער צַדִּיק טוּט; דַארְף מֶען זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן מִיט וֶועם מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אוּן מִיט וֶועם מֶען דְרֵייט זִיךְ, וַוייל דוּרְךְ נִישְׁט גוּטֶע חֲבֵרִים קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן, אוּן אַז מֶען פַארְבְּרֶענְגְט אִינְאֵיינֶעם מִיט לֵצִים, מֶען גֵייט אִין שְׁוִויץ מִיט לֵצִים - קֶען מֶען אַלֶעס פַארְלִירְן. אֲפִילוּ אֵיינֶער דַארְף גֵיין אִין שְׁוִויץ פַאר זַיין גֶעזוּנְט, פַאר זַיינֶע בֵּיינֶער וְכוּ' - זָאל עֶר נִישְׁט גֵיין מִיט אִינְגֶעלַייט אוּן בָּחוּרִים וָואס זֵייעֶרֶע וֶוערְטְלֶעךְ זֶענֶען אוֹיף עֶרְלִיכֶע זַאכְן, וַוייל עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ פַארְלִירְן דִי תְּמִימוּת, עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג צוּ וֶוערְן אָפְּגֶעקִילְט.

וַוייל וִויסְן זָאלְסְטוּ, דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם טוּט אַלֶעס צוּ בְּרֶענְגֶען קַשְׁיוֹת אוּן סְפֵיקוֹת אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אוֹיף צַדִיקִים וָואס זֶענֶען מְגַלֶה וּמְפַרְסֵם דִי הֵיילִיגֶע אֱמוּנָה, עֶר טוּט אַלֶעס אַוֶועק צוּ נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, עֶר הָאט פַיינְט דֶעם רֶבִּי'ן אוּן נָאכְמֶער הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, וַוייל אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ - דָארְט אִיז דֶער רֶבִּי.

אוּנְזֶער שׁוּל אִין בָּארָא פַּארְק הָאט זִיךְ יֶעצְט אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן צוּ אַ פְרִישֶׁע פְּלַאץ, מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶענוּמֶען קְלָאר אַז זֵיי וֶועלְן לָאזְן לֵייגְן אַ טָאוְול "בֵּית הַמֶדְרָשׁ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ". יֶעצְט זֶענֶען גֶעקוּמֶען שְׁכֵנִים אוּן דָאס אַרָאפְּגֶעפְלִיקְט, זֵיי זָאגְן מֶען קֶען לֵייגְן אַ טָאוְול "בֵּית הַמֶדְרָשׁ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב", אָבֶּער דִי וָוארְט מוֹהֲרָא"שׁ אוּן דִי וָוארְט רֹאשׁ יְשִׁיבָה - "דָאס וֶועלְן מִיר נִישְׁט צוּלָאזְן עֶס זָאל שְׁטֵיין"; זֶעסְטוּ שׁוֹין קְלָאר דִי פַיינְטְשַׁאפְט פוּן דִי טוּמְאָה צוּ הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ.

בַּיי שָׁלֹשׁ סְעוּדוֹת הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי פַּרְשָׁה, דֶער פָּסוּק זָאגְט (בַּמִּדְבָּר ה, יב): "אִישׁ אִישׁ כִּי תִשְׂטֶה אִשְׁתּוֹ", וָואס אִיז דִי לָשׁוֹן 'תִשְׂטֶה'? זָאגְט רַשִׁ"י עֶס אִיז וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים (סוֹטָה ג.; תַּנְחוּמָא נָשֹׂא, ה): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה", אַ מֶענְטְשׁ טוּט נִישְׁט קַיין עֲבֵירוֹת, "אֶלָא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", נָאר אַז עֶס גֵייט אַרַיין אִין אִים אַ מְשׁוּגַעַת, זָאגְט דִי תּוֹרָה, דֶער מַאן זָאל אִיר נֶעמֶען צוּם כֹּהֵן אוּן דֶער כֹּהֵן נֶעמְט אַרוֹיס דִי מְשׁוּגַעַת; דֶער צַדִיק גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּטְרַייבְּן דִי שִׂגְעוֹנוֹת וָואס אִיז דָא אִין אוּנְז. מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט נָאכְאַמָאל דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי'ן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט) וִוי

דֶער רֶבִּי זָאגְט: "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד, שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי קְדוּשָׁה - עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּן עֶר אִיז שׁוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם", אֲפִילוּ אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען דִי תּוֹרָה אוֹיךְ הֶעלְפְן, דִי תּוֹרָה הָאט אַזַא כֹּחַ אַז עֶס קֶען אִים אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן דִי עֲבֵירוֹת, "וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה; בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, "כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

אִיךְ בִּין צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין ווילְיַאמְסְבּוּרְג צוּ דִי יְשִׁיבָה, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועלְן מִיר עֶנְדִיגְן דֶעם זְמַן קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ מִיטְוָואךְ, מִיר פָּארְן שׁוֹין אַרוֹיס קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג פַּרְשַׁת שְׁלַח, מִיר וֶועלְן זַיין זוּמֶער אִין קִרְיַת בְּרֶסְלֶב פַאר דִי חֳדָשִׁים תַּמּוּז אוּן אָב, זִיךְ גְרֵייטְן אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע טֶעג. קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ בֶּענְטְשְׁט מֶען שׁוֹין רֹאשׁ חוֹדֶשׁ תַּמּוּז, דָאס דֶערְמַאנְט אוּנְז שׁוֹין פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג. תַּמּוּ"ז אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: זְ'מַנֵּי תְּ'שׁוּבָה מְ'מַשְׁמְשִׁין וּ'בָאִין, עֶס קוּמְט שׁוֹין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען דַארְף זִיךְ שׁוֹין גְרֵייטְן מִיט אוּנְזֶער נְסִיעָה צוּם רֶבִּי'ן. מַאךְ דִיר דַיינֶע פְּלֶענֶער וֶוען צוּ פָארְן אוּן ווִי אַזוֹי צוּ פָארְן, עֶס אִיז דָא כַּמָּה דְּרָכִים צוּ פָארְן, אָדֶער דוּרְךְ דִי טְשַׁארְטֶער וָואס אֶלִי קְנָאלְל מַאכְט, אָדֶער דוּרְךְ פּוֹילְן אָדֶער טֶערְקֵיי; וַוארְט נִישְׁט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

### אַ הֶערְלִיכֶע יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב' פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, י"א סִיוָן, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

### שָׁבוּעוֹת מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ

חַסְדֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ דֶעם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זֶענֶען מִיר גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל קִרְיַת בְּרֶסְלֶב, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶער יוֹם טוֹב, אַ שֵׁיינֶער קִיבּוּץ.

דִי עֶרְשְׁטֶע נַאכְט צְווִישְׁן מִנְחָה מַעֲרִיב אִיז נָאךְ גֶעוֶוען צֶען פוּפְצְן מִינוּט פַּאר רַבֵּינוּ תַּם'ס זְמַן, אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם דַיָּין שְׁלִיטָ"א אוֹיבּ מִיר זָאלְן שׁוֹין דַאוֶוענֶען, אָדֶער נָאךְ וַוארְטְן בִּיז רַבֵּינוּ תַּם, וַוייל דֶער מָגֵן אַבְרָהָם זָאגְט (סִימָן תצד, בְּהַקְדָּמָה) מֶען זָאל נִישְׁט מַאכְן קַיין קִידוּשׁ פַּאר עֶס וֶוערְט נַאכְט, עֶס דַארְף זַיין שֶׁבַע שַׁבָּתוֹת תְּמִימוֹת, אָבֶער דַאוֶוענֶען מֶעג מֶען יָא, אָבֶער דֶער טוּרֵי זָהָב זָאגְט (שָׁם) מֶען זָאל וַוארְטְן אוֹיף מַעֲרִיב; הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט אַפָּאר דִיבּוּרִים בִּיז דֶעם זְמַן רַבֵּינוּ תַּם.

### אַ בִּילְקֶע אַרוֹיף אַ בִּילְקֶע אַרָאפּ

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי בָּרוּכְ'ל פוּן מֶעזִיבּוּז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ - אַ פֶּעטֶער פוּן רֶבִּי'ן - זָאגְט: "מֶענְטְשׁ שְׁרֶעקְן זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה, מֶען גֵייט דַן זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט זַיין דִי גַאנְצֶע יָאר, אָבֶער מֶען דַארְף זִיךְ מֶער שְׁרֶעקְן פוּן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת", וַוייל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז מֶען דַן 'אַ בִּילְקֶע אַרוֹיף, אַ בִּילְקֶע אַרָאפּ', דִי יָאר גֵייט אַרִיבֶּער בַּיי אַלֶעמֶען אֵיינִיג, אֵיינֶער הָאט שַׁבָּת בַּיי דִי סְעוּדָה אַ 'סַאוּעֶר דְאוֹ' חַלָּה אוּן אֵיינֶער נִישְׁט, אָבֶער דִי יָאר אִיז אֵיינִיג. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן נא): "אֵין לְהִסְתַּכֵּל אִם יִהְיֶה לוֹ מָעוֹת אִם לַאו", עֶס דַארְף נִישְׁט אָנְגֵיין אוֹיבּ מֶען הָאט גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט, "כִּי בֵּין כַּךְ וּבֵין כַּךְ יְבַלֶּה יָמָיו בְּשָׁוֶה", וַוייל אַזוֹי צוּ אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן אַרִיבֶּער אֵיינִיג, נִישְׁט קַיין חִילּוּק יָא גֶעלְט אָדֶער נִישְׁט גֶעלְט, דָאס לֶעבְּן אִיז אֵיינִיג בַּיי אַלֶעמֶען, אָבֶער וֶוען עֶס קוּמְט יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז מֶען דַן דֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיבּ עֶר וֶועט לֶערְנֶען, וִויפִיל עֶר וֶועט לֶערְנֶען אוּן צִי וֶועט עֶר לֶערְנֶען מִיט שִׂמְחָה - דָאס דַארְף גֶעבְּן אַ צִיטֶער פַארְן מֶענְטְשׁ, מֶען דַארְף טְרַאכְטְן 'וָואס גֵייט זַיין דִי יָאר? וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען? וֶועל

איך זַיין פְרֵיילִיךְ מִיט מַיין לֶערְנֶען?′

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט מֶען זָאל נִישְׁט זַיין קַיין בַּטְלָנִים, נָאר זִיךְ גוּט אוֹיסְבֶּעטְן בַּיים דַאוֶוענֶען, בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "וְנִשְׂמַח בְּדִבְרֵי תַּלְמוּד תּוֹרָתֶיךָ", מֶען זָאל בֶּעטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה, אִיךְ וִויל זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת"; יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת זִינְגֶען מִיר בַּיי תְּפִילַּת מַעֲרִיב דִי שְׁטִיקֶל "אַהֲבַת עוֹלָם", מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען דִי נִיגוּן פוּן "אָבִינוּ אָב הָרַחֲמָן הַמְּרַחֵם רַחֵם עָלֵינוּ", אוּן זִיךְ גוּט אוֹיסְגֶעבֶּעטְן בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער מִיר ווִילְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תּוֹרָה".

**שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַאר דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת**

לֵיל שָׁבוּעוֹת הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט אִינְאֵיינֶעם דִי תִּיקוּן, הוֹיךְ אוֹיפְן קוֹל, פָּסוּק בְּפָסוּק, אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען פְרֵיילִיכֶע נִיגוּנִים. עֶס אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, מֶען הָאט גֶעטַאנְצְן אוּן גֶעזִינְגֶען, גֶעדַאנְקְט אוּן גֶעלוֹיבְּט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען אִידְן אוּן נִישְׁט קַיין גוֹיִם. אוֹיךְ בַּיי דִי תַּרְיַ"ג מִצְוֹת הָאבְּן מִיר נָאךְ יֶעדֶע מִצְוָה גֶעדַאנְקְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זֶענֶען מְקַיֵּים דִי מִצְוֹת, אַלֶע הָאבְּן אוֹיסְגֶעשְׁרִיגְן אוֹיפְן קוֹל: "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן פְּרִיָּה וּרְבִיָּה", "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן מִילָה", "שְׁכּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער מִיר טוּעֶן דִי מִצְוָה פוּן נִישְׁט עֶסְן דִי גִּיד הַנָּשֶׁה", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער.

**לֶערְנֶען זוֹהַר מִיט קִינְדֶער**

פַארְן עֲלוֹת הַשַּׁחַר זֶענֶען אַלֶע גֶעגַאנְגֶען זִיךְ טוֹבֵל'ן אִין מִקְוֶה, עֶס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אוּנְז אִין שְׁטֶעטְל אַ מִנְיָן וָתִיקִין אִין אַפָּאר שׁוּלְן, אִיךְ הָאבּ זִיךְ יָא גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן. אִיךְ בִּין אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען צוּ קְרִיאַת שְׁמַע אוּן גֶעלֶערְנְט מִיט מַיין זוּן נַחְמָן נָתָן נֵרוֹ יָאִיר זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, מִיר הָאבְּן גֶעלֶערְנְט אוּנְטְן אִין וַואלְד צְוִוישְׁן דִי בֵּיימֶער. מִיר לֶערְנֶען יֶעדְן שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ, אִיךְ טוּ דָאס מִיט אַלֶע מַיינֶע קִינְדֶער. אַזוֹי וִוי מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִּיק פוּן קָאמַארְנָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (נוֹצֵר חֶסֶד אָבוֹת, פֶּרֶק ד): "לוּ עַמִּי שׁוֹמֵעַ לִי", הַלְוַאי זָאל מֶען מִיךְ אוֹיסְהֶערְן, "בַּדּוֹר הָרַע הַזֶּה", אִין דֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר, "שֶׁהַמִּינוּת גּוֹבֵר", וָואס עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל שְׁלֶעכְטְס - "הָיָה

לְמֵדִים עִם תִּינוֹק בֶּן תִּשְׁעָה שָׁנִים סֵפֶר תִּיקוּנֵי זוֹהַר לַהֲגוֹת בָּהּ", וָואלְט מֶען גֶעדַארְפְט צוּגֶעוואוינֶען קִינְדֶער פוּן דִי נַיין יָאר זֵיי זָאלְן עוֹסֵק זַיין אִין לֶערְנֶען דֶעם הֵיילִיגְן זוֹהַר, "וְהָיָה אָז יִרְאַת חֶטְאוֹ קוֹדֶמֶת לְחָכְמָתוֹ", וָואלְט דָאס זֵיי גֶעהָאלְפְן זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן דֶעם יֵצֶר הָרָע; קוּק נָאךְ אִינֶעם סֵפֶר.

## קִינְדֶער דַארְף מֶען אוֹיסְרִימֶען

עֶס זֶענֶען גֶעקוּמֶען נָאךְ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זִיךְ צוּהֶערְן צוּם שִׁיעוּר אוּן עֶס אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁמוּעֶס מִיט מְלַמְּדִים. וָואס טוּט מֶען מִיט אַ קִינְד וָואס דַאוֶוענְט נִישְׁט מִיט, אוֹיבּ מֶען זָאל אִים גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער? מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז קִינְדֶער דַארְף מֶען נָאר אוֹיסְרִימֶען אוּן גֶעבְּן כָּבוֹד, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מִיטְל זֵיי צוּ מַאכְן פַאר עֶרְלִיכֶע אִידְן. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט אַז מִיר דַארְפְן קוֹדֶם הַאלְטְן בַּיים דַאוֶוענֶען, אוּן אַז מֶען וֶועט גוּט קוּקְן אוֹיף זִיךְ וֶועט מֶען זֶען אַז אִין דִי טֶעג וָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט מִיט דִי קִינְדֶער שְׁפִּילְן מִיר זִיךְ נָאךְ מֶער ווִי דִי קִינְדֶער בַּיים דַאוֶוענֶען; דֶער קִינְד שְׁפִּילְט זִיךְ מִיט אַ שְׁפִּילְצֵייג אוּן מִיר שְׁפִּילְן זִיךְ מִיט גִלְיוֹנוֹת, מִיט סְפָרִים וְכוּ' וְכוּ'; מִיר דַארְפְן אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיר זָאלְן הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין דַאוֶוענֶען, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן אַ גֶעפִיל אִין דַאוֶוענֶען.

## דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער "אַל יַעַזְבוּנוּ נֶצַח סֶלָה וָעֶד"

אִינְדֶערְפְרִי בַּיים דַאוֶוענֶען הָאבְּן מִיר גֶעזִינְגֶען בַּיי אַהֲבָה רַבָּה דִי נִיגוּן וָואס מֶען זִינְגְט אִין סַאטְמֶער, פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי הֶערְשֶׁעלֶע רִימְנוֹבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ. אַ הַארְצִיגֶע זִיסֶע נִיגוּן, וֶוען מִיר זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דִי וֶוערְטֶער: "וְרַחֲמֶיךָ הַשֵּׁם אֱלֹקֵינוּ וַחֲסָדֶיךָ הָרַבִּים אַל יַעַזְבוּנוּ", הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, רַחְמָנוּת'דִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אִיךְ בֶּעט דִיר, אִיךְ ווִיל דִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, - הָאבְּן מִיר נָאכְאַמָאל אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי נִיגוּן, אוּן גֶעוֵויינְט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער: "אַל יַעַזְבוּנוּ נֶצַח סֶלָה וָעֶד", אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל דִיךְ נִישְׁט אָפְּלָאזְן, אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ ווִיל זַיין מִיט דִיר, טְרַאכְטְן פוּן דִיר, לֶעבְּן מִיט דִיר, גֵיין מִיט דִיר, גֶעדֶענְקֶען אַז דוּ בִּיסְט מִיט מִיר, מַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן; מִיר הָאבְּן גֶעוָואלְט בְּלַייבְּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער, זִינְגֶען דִי נִיגוּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, אָבֶער מֶען הָאט שׁוֹין גֶעדַארְפְט גֵיין וַוייטֶער. מֶען הָאט מַמָּשׁ

גֶעשְׁפִּירְט וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סה) וֶוען מֶען זָאגְט אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער בַּיים דַאוֶונֶען בֶּעטְן זִיךְ דִי וֶוערְטֶער בַּיים מֶענְטְשׁ, גֵיי נִישְׁט אַוֶועק פוּן אוּנְז, "אֵיךְ תּוּכַל לְהִתְפָּרֵד מִמֶּנִּי", וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ אַוֶועק גֵיין פוּן מִיר, "לְגַדֵּל הַהִתְקַשְּׁרוּת וְהָאַהֲבָה שֶׁיֵּשׁ בֵּינֵינוּ", פוּן גְרוֹיס לִיבְשַׁאפְט וָואס מִיר הָאבְּן, "כִּי אַתָּה רוֹאֶה אֶת יְקַר יָפְיִי וְזִיוִי וַהֲדָרִי וְתִפְאַרְתִּי", דוּ זֶעסְט דָאךְ מַיין שֵׁיינְקַייט, מַיין לוֹיטֶערְקַייט, מַיין פְּרֶעכְטִיקַייט, "וְאֵיךְ תּוּכַל לְנַתֵּק עַצְמְךָ מִמֶּנִּי וְלִפְרֹד מֵאִתִּי", וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ זִיךְ פוּן מִיר שֵׁיידְן? "הֵן אֱמֶת, שֶׁאַתָּה צָרִיךְ לֵילֵךְ יוֹתֵר", בִּיסְט גֶערֶעכְט אַז דוּ דַארְפְסְט וַוייטֶער עֶנְדִיגְן דַאוֶונֶען, "כְּדֵי לְלַקֵּט עוֹד סְגֻלּוֹת יְקָרוֹת וַחֲמוּדוֹת גְּדוֹלוֹת", אוּן קְלוֹיבְּן נָאךְ שֵׁיינֶע סְגוּלוֹת מִיט דִי וֶוערְטֶער פוּן דַאוֶונֶען, "אֲבָל אֵיךְ תּוּכַל לִפְרֹד מִמֶּנִּי וְלִשְׁכֹּחַ אוֹתִי", אָבֶּער וִוי אַזוֹי קֶענְסְטוּ מִיךְ אָפְּלָאזְן? "עַל כָּל פָּנִים תִּרְאֶה שֶׁבְּכָל מָקוֹם שֶׁתֵּלֵךְ וְתָבוֹא לְשָׁם לֹא תִּשְׁכַּח אוֹתִי, וְלֹא תִּפָּרֵד מִמֶּנִּי", בֶּעט אִיךְ דִיר פַארְגֶעס נִישְׁט פוּן מִיר וְכוּ' וְכוּ'; מַמָּשׁ אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעשְׁפִּירְט מִיט דִי זִיסֶע וֶוערְטֶער פוּן אַהֲבָה רַבָּה, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט: "מְלַפֶּפֶת וּמְחַבֶּקֶת אוֹתוֹ, וְאֵינָהּ מַנַּחַת אוֹתוֹ לֵילֵךְ מֵאִתָּהּ", דִי וֶוערְטֶער נֶעמֶען אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ אוּן ווִילְן נִישְׁט מֶען זָאל וַוייטֶער גֵיין.

## בְּלַייבְּן אִין הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ

אַקְדָּמוּת הָאבְּן מִיר גֶעזָאגְט מִיט דִי זִיסֶע נִיגוּן. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רנו) דָאס אִיז אַ נִיגוּן וָואס מַאכְט בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן בַּיי דִי וֶוערְטֶער: "קְבִיעִין כֵּן תְּהֱווּן, בְּהַנְהוּ חֲבוּרָתָא", הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל בְּלַייבְּן אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲבוּרָה חֲבוּרַת הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ, וִוי דֶער רֶבִּי רוּפְט עֶס (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שטו) 'חֲבוּרָה אֲהוּבָה וַחֲבִיבָה', נִישְׁט אָפְּלָאזְן אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ, נִישְׁט אַוֶועק גֵיין"; מֶען דַארְף רַחֲמֵי שָׁמַיִם אוֹיף דֶעם, וַוייל דֶער סַמֶ"ךְ מֶ"ם פַארְלֵייגְט זִיךְ זֵייעֶר אַוֶועק צוּ שְׁלֶעפְּן יֶעדֶע אֵיינֶעם פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדְן אֵיינֶעם מִיט אַן אַנְדֶערֶע בִּלְבּוּל, יֶעדְן אֵיינֶעם שְׁטֶערְט עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ; אוּן אַז מֶען בֶּעט נִישְׁט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן – פַּאלְט מֶען אַוֶועק, מֶען לָאזְט אָפּ דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

### קְרֶעפְּל פְּשֶׁעטְל

נָאכְן דַאוֶועןֶ ן ַבּיי די מִילְכִיגֶע קִידוּשׁ אִיז גֶעוֶוען אַ הֶערְלִיכֶע בִּילְד, זֶען ווי יוּנְגֶע און אַלְטֶע - אַלֶע פְרֵייעֶן זיךְ מִיט זֵייעֶרע סִיוּמִים; אִינְגֶעלַייט, בָּחוּרִים און קִינְדֶער הָאבְּן מְסַיֵים גֶעוֶוען, אֵיינֶער מִשְׁנַיוֹת, אַ צְוֵוייטֶער גְמָרָא, אַ דְרִיטֶער לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן די מִנְהָג פוּן עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ, און מֶען זָאגְט אַז אַלֶע טֶעג וָואס מֶען קְלַאפְּט - פִּירְט מֶען זיךְ צוּ עֶסְן קְרֶעפְּלֶעךְ; עֶרֶב יוֹם הַקָדוֹשׁ קְלַאפְּט מֶען עַל חֵטְא - עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ, הוֹשַׁעְנָא רַבָּה קְלַאפְּט מֶען די הוֹשַׁעְנוֹת - עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ, פּוּרִים קְלַאפְּט מֶען בַּיי הָמָן - עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ און שָׁבוּעוֹת עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ אָבֶּער מֶען זֶעט נִישְׁט מֶען זָאל קְלַאפְּן, נָאר דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אָן דֶעם הֵיילִיגְן סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן (חֵלֶק א', סִימָן א): "וּכְמוֹ שֶׁהַמְּשֻׁגָּעִים צְרִיכִים לְהַכּוֹתָם", אַזוֹי וִוי אַ מְשׁוּגָע'נֶער פַארְשְׁטֵייט נָאר וֶוען מֶען שְׁלָאגְט אִים מִיט אַ שְׁטֶעקְן - "כְּמוֹ כֵן מַמָּשׁ הַתּוֹרָה שֶׁעוֹסְקִין הוּא בְּחִינַת מַקְלוֹת וְשֵׁמוֹת", אַזוֹי אוֹיךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס זִינְדִיגְט, עֶר אִיז פוּל מִיט רוּחַ שְׁטוּת, אַזוֹי וִוי די הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ג.): "אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵירָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת", דֶער יֵצֶר הָרָע מַאכְט מְשׁוּגָע, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָּטוּר וֶוערְן פוּן די מְשׁוּגַעַתְ'ן? דוּרְךְ לֶערְנֶען תּוֹרָה - "שֶׁבָּזֶה מַכִּין וּמַכְנִיעִין אֶת הַיֵּצֶר הָרָע, וּמְגָרְשִׁין מִן הָאָדָם אֶת הַשִּׁגָּעוֹן וְהָרוּחַ שְׁטוּת שֶׁנִּכְנַס בּוֹ", די תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְן צוּ אַ שְׁטֶעקְן, און אַז מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה שְׁלָאגְט מֶען דֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען שְׁלָאגְט אַרוֹיס די רוּחַ שְׁטוּת; דֶערִיבֶּער עֶסְט מֶען קְרֶעפְּלֶעךְ שָׁבוּעוֹת וֶוען מֶען אִיז מְקַבֵּל די תּוֹרָה.

### אִיךְ בִּין נִישְׁט פַּארְפַאלְן

קֵיינֶער קֶען נִישְׁט זָאגְן עֶר אִיז שׁוֹין פַּארְפַאלְן, עֶס אִיז נִישְׁטָא קַיין וֶועג פַאר אִים אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן די טוּמְאָה; דֶער רֶבִּי זָאגְט קְלָאר עֶס אִיז דָא פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַ וֶועג אַרוֹיס צוּ גֵיין פוּן גָלוּת. דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט): "שֶׁאֲפִילוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד", אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָׁה, "שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה, עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן", עֶר טוּט עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן און עֶר אִיז

שוֹין אַרָאפְּגֶעפַאלְן אִין שְׁאוֹל תַּחְתִּית, "אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם, וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד"; אוֹיבּ וֶועט עֶר זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כַּךְ וְכַךְ', וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס, עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

### בֵּיימֶער אִין שׁוּל

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דֶעם מִנְהָג צוּ בְּרֶענְגֶען בֵּיימֶער אִין שׁוּל; זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי פוּן סַאטְמֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, שָׁבוּעוֹת וֶוען מֶען אִיז דַן דִי פֵּירוֹת הָאִילָן - בְּרֶענְגְט מֶען דִי בֵּיימֶער, דִי עֶלְטֶערְן, אוּן מֶען זָאגְט זֵיי: 'אוֹיבּ וֶועלְן עֶנְק זִיךְ שֵׁיין אוֹיפְפִירְן - וֶועט זַיין גוּטֶע קִינְדֶער, גוּטֶע פְּרוּכְט'; מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, מֶען בְּרֶענְגְט דִי בֵּיימֶער אִין שׁוּל, אַז דִי עֶלְטֶערְן קוּמֶען יֶעדְן טָאג דַאוֶוענֶען אִין שׁוּל דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת - אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ גוּטֶע קִינְדֶער. אַז מֶען קוּמְט וואוֹינֶען אִין שְׁטֶעטְל, מֶען גֵייט זִיךְ קוֹיפְן אַ דִירָה - דַארְף מֶען זֶען דִי דִירָה זָאל זַיין נֶעבְּן אַ שׁוּל, וואוּ מֶען וֶועט קֶענֶען גֵיין דַאוֶוענֶען שַׁבָּת אַלֶע תְּפִלּוֹת.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא מְצִיעָא קז.) אוֹיפְן פָּסוּק (דְּבָרִים כח, ג): "בָּרוּךְ אַתָּה בָּעִיר", גֶעבֶּענְטְשְׁט זָאלְסְטוּ זַיין אִין שְׁטָאט - "שֶׁיְּהֵא בֵּיתְךָ סָמוּךְ לְבֵית הַכְּנֶסֶת", דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין נָאנְט צוּם שׁוּל; וֶוער אִיז אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער? דֶער וָואס גֵייט דַאוֶוענֶען דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת אִין שׁוּל; דֶערִיבֶּער בְּרֶענְגְט מֶען דִי בֵּיימֶער אִין שׁוּל, אַזוֹי וֶועט זַיין עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת.

אוֹיךְ לֵייגְט מֶען בֵּיימֶער אִין שְׁטוּבּ; אַז מֶען וֶועט זַיין אִין שְׁטוּבּ, מֶען וֶועט מְחַנֵךְ זַיין דִי קִינְדֶער - וֶועט זַיין גוּטֶע פֵּירוֹת.

### פָּשׁוּטְ'עֶ צִירוּנְגֶען

נָאכְמִיטָאג דִי עֶרְשְׁטֶע טָאג הָאבְּן מִיר גֶעלֵיינְט דִי תְּנָאִים, מִיר הָאבְּן גֶעזִינְגֶען אוּן זִיךְ מְחַזֵק גֶעוֶוען אַז מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּן פְּרִישׁ. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט, בַּיי אוּנְז אִיז

דֶער מִנְהָג מִיר גֶעבְּן נִישְׁט קַיין טֵייעֶרע און עֶכְטֶע צִירוּנְג, מִיר גֶעבְּן פָּשׁוּטְ'עֶ צִירוּנְג, אַזוֹי אוֹיךְ וֶוען מִיר זֶענֶען מְקַבֵּל דִי תּוֹרָה, מִיר מַאכְן דִי חֲתוּנָה מִיט דִי תּוֹרָה - דַארְף נִישְׁט זַיין קַיין עֶכְטֶע און טֵייעֶרע, מֶען קֶען זָאגְן אַ פֶּרֶק מִשְׁנָיוֹת אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, אַז דֶער צַדִיק וָואס הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט דִי תְּנָאִים מִיט דִי כְּתוּבָּה צְוִוישְׁן אִידְן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - הָאט גֶענוּמֶען אַ מָשָׁל אַ מַאן און וַוייבּ, אָבֶער אוֹיבּ חֲתוּנָה הָאבְּן מֵיינְט נִישְׁט לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט - הָאט נִישְׁט קַיין פְּשַׁט צוּ מַאכְן אַ מָשָׁל צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, דַאן וֶועט דָאס מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה הָאבְּן אַ פָּנִים וִוי אַ פָּארְפָּאלְק וָואס לֶעבְּן נִישְׁט מִיט שָׁלוֹם, מִיט לִיבְּשַׁאפְט, דָאס וַוייזְט אוּנְז אַז מֶען דַארְף לֶעבְּן מִיט לִיבְּשַׁאפְט; יֶעצְט קֶען מֶען מַאכְן דִי נִמְשָׁל צוּ מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אַ תְּנָאִים און אַ כְּתוּבָּה.

### עֶסְן מִילְכִיגְס שָׁבוּעוֹת

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג שָׁבוּעוֹת עֶסְן מִיר אוֹיךְ מִילְכִיגְס מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן מִיט וָואס אִיז גֶעוֶוען, אַזוֹי וִוי מִילְךְ מֶעג מֶען עֶסְן, וָואס בֶּאֱמֶת קוּמְט דָאס פוּן בְּלוּט; חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בְּכוֹרוֹת ו:): "דָּם נֶעְכָּר וְנַעֲשֶׂה חָלָב", מִילְךְ קוּמְט פוּן בְּלוּט, און מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז (שָׁם ה:): "הַיּוֹצֵא מִן הַטָּמֵא טָמֵא", מִיט דֶעם זֶעעֶן מִיר בַּיי מִילְךְ אַז מֶען טְרִינְקְט יָא מִילְךְ, וַוייל דָאס אִיז אַ נֵייעֶ בַּאשֶׁעפֶענִיש; דָאס וִויל מֶען וַוייזְן יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת בַּיי קַבָּלַת הַתּוֹרָה, מִיר זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן מִיטְן עָבַר, און זָאגְן: 'אִיךְ קֶען נִישְׁט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, אִיךְ בִּין בְּלוּט', נָאר מֶען זָאגְט דִיר: 'קוּק אוֹיף דִי מִילְךְ, אֲפִילוּ בִּיסְט גֶעוֶוען אַ שְׁטִיק בְּלוּט, רוֹיט וִוי עֵשָׂו הָרָשָׁע - קֶענְסְטוּ וֶוערְן וַוייס וִוי יַעֲקֹב אָבִינוּ, וַוייס וִוי מִילְךְ'. אַזוֹי וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי רֹאשׁ הַשָּׁנָה פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ח): "כֵּיוָן שֶׁקִּבַּלְתֶּם עֲלֵיכֶם עוֹל תּוֹרָה, מַעֲלֶה אֲנִי עֲלֵיכֶם כְּאִילוּ לֹא חֲטָאתֶם מִיָּמֵיכֶם", וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ דֶעם עוֹל תּוֹרָה, דָאס הֵייסְט עֶר נֶעמְט זִיךְ פָאר צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה - זָאגְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער: "רֶעכְן אִיךְ אִים כְּאִילוּ עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעזִינְדִיגְט, עֶס וֶוערְט אוֹיס בְּלוּט, עֶס וֶוערְט 'דָּם נֶעְכָּר וְנַעֲשֶׂה חָלָב'.

### עוֹלָם הַתֹּהוּ

דֶעם צְוֵוייטְן טָאג נָאכְמִיטָאג הָאבְּן מִיר גֶעלֵיינְט דִי כְּתוּבָּה. מִיר הָאבְּן זִיךְ מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועוֶן מִיט דֶעם אַז מִיר הָאבְּן אַ רֶבִּי וָואס רַאטֶעוֶועט אוּנְז פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ מִיר דְרֵיי מָאל אַ יָאר: 'רֹאשׁ הַשָּׁנָה', 'שַׁבַּת חֲנוּכָּה' אוּן 'שָׁבוּעוֹת' - וֶועט גֶערַאטֶעוֶועט וֶוערְן פוּן דֶעם עוֹנֶשׁ פוּן עוֹלָם הַתֹּהוּ"; דָאס אִיז נִישְׁט נָאר נָאכְן אַוֶועק גֵיין פוּן דֶער וֶועלְט דָאס אִיז אוֹיךְ בַּיים לֶעבְּן, מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט דֶעם אוּן יֶענֶעם, מֶען זֶעט מֶענְטְשְׁן, מֶען רֶעדְט פוּן דֶעם, פוּן יֶענֶעם, עֶר הַאקְט אוֹיף דֶעם, דֶער אִיז אַ שֵׁיגֶץ, דֶער אִיז אַ לִינְקֶער אוּן דֶער אִיז פַארְכַאפְּט וְכוּ׳, בִּשְׁעַת דֶער וָואס רֶעדְט - דַאוֶונְט נִישְׁט דִי דְרֵיי תְּפִלּוֹת מִיט מִנְיָן, לֵיינְט נִישְׁט קְרִיאַת שְׁמַע אוּן עֶפְּנְט נִישְׁט אוֹיף אַ סֵפֶר מִשְׁנָה לְשָׁנָה; דָאס אִיז עוֹלָם הַתֹּהוּ, אוּן פוּן דֶעם רַאטֶעוֶועט אוּנְז דֶער רֶבִּי.

### לִיבְּשַׁאפְט אִין שְׁטֶעטְל

הָרַב ר׳ דָנִיֵּאל אִיז גֶעקוּמֶען אַ וֶועג צוּ גֵיין פוּן אַ שָׁעָה, עֶר אִיז גֶעוֶועוֶן יוֹם טוֹב בַּיי זַיין אֵיידֶעם יִשְׂרָאֵל נֵרוֹ יָאִיר. עֶר הָאט מִיר גֶעזָאגְט, עֶר מוּז זָאגְן אַ גוּטֶע גְרוּס פוּן שְׁטֶעטְל, עֶר קוּמְט אַסַאךְ, עֶר הָאט אַ זוּן וָואס וואוֹינְט נֶעבְּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ 'אֲשֶׁר בַּנַּחַל', אַ זוּן וָואס וואוֹינְט נֶעבְּן דֶעם 'יְרוּשָׁלַיִם שׁוּל' אוּן אוֹיךְ 'עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוּל', אוּן זַיין אֵיידֶעם דַאוֶונְט אִין שׁוּל 'פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק'; עֶר זָאגְט מִיר: "דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט נִישְׁט קַיין אַנוּנְג דִי לִיבְּשַׁאפְט וָואס דָא אִיז דָא"; עֶר הָאט מִיר זֵייעֶר מְחַיֶּ׳ גֶעוֶועוֶן, וַוייל דָאס גֶעבְּט מִיר כֹּחַ, אוּן פַארְקֶערְט - אִיךְ וֶוער קְרַאנְק פוּן מַחֲלֹקֶת.

### זוּךְ שָׁלוֹם

אִיךְ בִּין גֶעוֶועוֶן זוּנְטָאג נָשֹׂא בַּיי אַ חֲתוּנָה אִין לֶעיקְוָואד, נָאךְ דִי חוּפָּה קוּמְט צוּ מִיר דֶער זֵיידֶע אוּן בֶּעט מִיר זֵייעֶר אִיךְ זָאל מַאכְן שָׁלוֹם מִיט זַיין זוּן. אִיךְ זָאג אִים אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט אוֹיף אִים, זָאגְט עֶר מִיר מִיט טְרֶערְן: "עֶר הָאט אָבֶּער יָא אוֹיף דִיר, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַאךְ שָׁלוֹם מִיט אִים". אִיךְ בִּין גֶעגַאנְגֶען אִין דֶער זַייט אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד גֶעוֶועוֶן, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיפְגֶעזוּכְט, אִיךְ זָאג אִים: "רוּף דַיין זוּן אִיךְ וֶועל אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן", עֶר

הָאט גֶערוּפְן זַיין זוּן, אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט מִיט אִים פַּאר צְוָואנְצִיג מִינוּט, אִים הוּנְדֶערְט מָאל אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן אוּן מִיר הָאבְּן שָׁלוֹם גֶעמַאכְט. אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן נָאךְ אֵיינֶעם וָואס הָאט אוֹיף מִיר אַ שְׁוֶוער הַארְץ, אִיךְ בִּין צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן אִים אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. נָאכְדֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן נָאךְ אַ בָּחוּר וָואס הָאט דָא גֶעלֶערְנְט אוּן הָאט אוֹיף מִיר אַ שְׁוֶוער הַארְץ, אִיךְ הָאבּ אִים אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן. אִיךְ טוּ דָאס אַלֶעס וַוייל מוֹהֲרָא"ש הָאט מִיר גֶעלֶערְנְט אַז זַיין צוּקְרִיגְט אִיז סִטְרָא אַחֲרָא, אוּן שָׁלוֹם אִיז קְדוּשָּׁה, אוּן וֶוען מֶען אִיז נִישְׁט גֶערֶעכְט - אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ יֶענֶעם אִיבֶּער צוּ בֶּעטְן, דֶער קוּנְץ אִיז, וֶוען מֶען אִיז גֶערֶעכְט, מֶען וֵוייסְט קְלָאר אַז מֶען הָאט גָארְנִישְׁט גֶעטוּן - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף דִי גֶעפִילְן אוּן טוּן וָואס אִיז רִיכְטִיג.

### בֶּעט אִיבֶּער וֶוען דוּ בִּיסְט נִישְׁט גֶערֶעכְט

דָאס זָאג אִיךְ דִיר אוֹיךְ, וֶוען דַיין וַוייבּ בְּלָאזְט אוֹיף דִיר, זִי רֶעדְט נִישְׁט שֵׁיין צוּ דִיר, אוּן דוּ וֵוייסְט אַז דוּ בִּיסְט שׁוּלְדִיג דָא - אִיז נִישְׁט קַיין קוּנְץ צוּ זָאגְן: "זַיי מִיר מוֹחֵל" אוּן זִיךְ אִיבֶּערְבֶּעטְן; אַוַדַאי דַארְפְסְטוּ אִיבֶּערְבֶּעטְן, דוּ הָאסְט אִיר דָאךְ אוֹיפְגֶערֶעגְט. דֶער חִידוּשׁ וָואס מוֹהֲרָא"ש לֶערְנְט אוּנְז, וֶוען מֶען אִיז בִּכְלַל נִישְׁט שׁוּלְדִיג, מֶען הָאט גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן, סְתָּם, זִי הָאט גֶעהַאט אַ שְׁוֶוערֶע טָאג אוּן זִי בְּלָאזְט עֶס אוֹיס אוֹיף דִיר, דוּ שְׁפִּירְסְט ווִי דוּ ווִילְסְט אִיר זָאגְן: 'וָואס ווִילְסְטוּ פוּן מִיר? אִיךְ הָאבּ דִיר גָארְנִישְׁט שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן' - דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זָאגְן: "זַיי מִיר מוֹחֵל" אוּן זֶען עֶס זָאל זַיין שָׁלוֹם.

### נִישְׁט מְבַטֵּל זַיין חֵדֶר

גֶעוֶוענְלִיךְ טַאנְצְן מִיר מוֹצָאֵי יוֹם טוֹב, אָבֶער דִי יָאר הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דִי גַבָּאִים מֶען זָאל נִישְׁט טַאנְצְן, וַוייל דִי קִינְדֶער דַארְפְן הָאבְּן חֵדֶר, אוּן הֱיוֹת אִסְרוּ חַג אִיז פְּרַייטָאג, אוּן אַז מֶען וֶועט טַאנְצְן וֶועט מֶען נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן פַּאר צְוֶועלְף אוּן אַהֵיים גֵיין גֵייט מֶען פְרַייטָאג אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער - זָאל מֶען דִי יָאר נִישְׁט מַאכְן קַיין טַאנְצְן.

## פָארְן אוֹיף אוּמַאן

שַׁבָּת פַּרְשַׁת נָשֹׂא בִּין אִיךְ גֶעבְּלִיבְּן אִין שְׁטֶעטְל. שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן זִיךְ גְרֵייטְן צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, דִי כּוֹלֵל אִינְגֶעלַייט הָאבְּן מִיר גֶעפְרֶעגְט אוֹיב מֶען אִיז מְחוּיָב צוּ פָארְן דַוְקָא מִיטְן טְשַׁארְטֶער, וַוייל דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא נז:) אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הָאט צְוֵויי וֶועגְן צוּ גֵיין, אִין אֵיין וֶועג שְׁטֵייעֶן פְרוֹיעֶן אוּן וַואשְׁן וֶועשׁ אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע הֶענְט אוּן אוֹיפְגֶעדֶעקְטֶע פוּס, אוֹיב אִיז דָא דַרְכָּא אַחֲרִינָא אִיקְרָא רָשָׁע. מִיר הָאבְּן גֶערֶעדְט פוּן נִישְׁט פָארְן אַלֵיין, חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (יְרוּשַׁלְמִי בְּרָכוֹת פֶּרֶק ד, הֲלָכָה ד): "כָּל הַדְּרָכִים בְּחֶזְקַת סַכָּנָה", אַז מֶען פָארְט אַלֵיין - קֶען מֶען זֵייעֶר גְרִינְג אַרָאפְּפַאלְן, מֶען מוּז פָארְן מִיט אַ חַבוּרָה, עֶרְלִיכֶע אִינְגֶעלַייט; דָאס הִיט דֶעם מֶענְטְשׁ נִישְׁט צוּ פַאלְן.

מַאךְ שׁוֹין דַיינֶע פְּלֶענֶער קַיין אוּמַאן, פָאר נִישְׁט אַלֵיין, פָאר מִיט אַ חַבוּרָה, נֶעם זִיךְ צוּזַאם עֶרְלִיכֶע חֲבֵרִים - וֶועסְטוּ נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן.

אִיךְ מוּז מְקַצֵּר זַיין, אִיךְ מוּז לוֹיפְן צוּ דִי בָּחוּרִים, זֵיי וַוארְטְן אוֹיף חִיזוּק, זֵיי זֶענֶען אַזוֹי צֶעבְּרָאכְן, זֵיי ווילְן חֲתוּנָה הָאבְּן אוּן עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט. אִיךְ הָאב נָאר גֶעשְׁרִיבְּן אַ פִּינְטְל פוּן יוֹם טוֹב, הַלְוַאי זָאלְן דִי אִינְגֶעלַייט אַרָאפְּשְׁרַייבְּן אַלֶע דִיבּוּרִים אוּן אַלֶע הִתְחַזְּקוּת.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

...

בס"ד




# יא, מיטן אייבערשטנ'ס הילף!

סיינט איך אויף עס צו
באקומען וועכנטליך
אויף די פאסט

רופט אדער טעקסט:
**718-387-2691**
אימעיל צו:
**subscribe@kerenhadfusa.org**

IDEA. 8457769664